№ 38 Należytość pocztowa opłacona ryczałtem. פּינפטער יאהרגאנג. פּרייז 20 גראשען „CZĘSTOCHOWER CAJTUNG".

טשענסטאכאווער צייטונג

אַנאָנסען-פּרייז:
פאר א מילימעטער שורה
פיר ן מעקפס 24 גראשען נאכ'ן מעקפס 18 גראשען.
אין מעקפס 60 גראשען.
פאר'ן אינהאלט פון די אנאָנסען איז די רעד. נישט פאראנטווארטליך.

ערשיינט יעדע פרייטאג.
רעדאקציע און אדמיניסטראציע
ערשטע אלעע 6. טעלעפאן 201.

אבאנאמענטס-פּרייז
א נומער 20 גראשען.
אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע:
Częstochowa, Aleja 6. telefon 201.

Sroda dnia 8 września 1926

מיטוואך ערב ראש השנה תרפ"ז.

דער היינטיגער נומער ענטהאלט 6 זייטען.

NIEROZŁĄCZNE
znaki ochronne
JELEŃ i SCHICHT
są najlepszą gwarancją dobroci i czystości mydła.
Kto dba o bieliznę i o ręce, Kto pragnie oszczędzić sobie trudu niech nie pozwala wmówić sobie, że inne mydła są również dobre, niech żąda tylko najlepszego mydła
Jeleń i Schicht.

למשפחותינו בגולה!
לשנת החדשה, ברכת כתיבה וחתימה טובת מציון.
ירושלים, אלול תרפ"ו.
שלמה זלטן, מרים, ויהודה יצחק שרגאי.

לחברנו בגולה!
ברכת פוח"ס
ושנת התגשמות שאיפותנו.
ש. ז. שרגאי ורעיתו.
ירושלים, אלול תרפ"ו.

אלע אונזערע אבאנענטען
ווינשען מיר צום אנקומען פון נייעם יאהר
א כתיבה וחתימה טובה
ס'זאָל זיין תחל שנה וברכותיה.
צייטונגס-פערקויפער
נעברידער שמולקעוויטש.

צום אנקומען פון נייעם יאהר ווינשען מיר די צייטונגס-אנגעמער די ה"ה פראנקפורט און גוטפריינד לויט'ן יודישען טראדיציאנעלען מנהג **א כתיבה וחתימה טובה.**
נעברידער שמולקעוויטש
צייטונגס-פערקויפער.

אתרוגים און לולבים
הורט - פערקויף
I. CZARNOCHA, Sosnowiec
Kołłątaja 6/8. Telefon 4-27.

Szyby, lustra i metale czyści najlepiej płyn
„JAŚNIEJ SŁOŃCA"
Spróbujcie a przekonacie się.
Żądać wszędzie!

ZWIEDŹ WYSTAWĘ Rolniczo-Przemysłową
w Częstochowie 12.8—12.9 1926.
Park rozrywkowy, wycieczki od 30 osób korzystają z ulgi 66% przy przejeździe powrotnym.

בעקאנטמאכונג.

דערמיט ווערט בעקאנט געמאכט, אז אין ראש-השנה וועלען נע'שחט'ן ווערען עופות אין שחט-הייזעל ביי דער אלטער שוהל אין פאלגענדע טערמינען:
דעם ערשטען טאג ראש השנה אין אווענד ביז 9 א זייגער, און דעם צווייטען טאג—פון 6 ביז 8 א זייגער פריה.
יעדער וואס וויל לאזען שחט'ן עופות אין ר"ה מוז זיך פריהער פערזעהען מיט קוויטלעך, ווייל אהן קוויטלעך וועט נישט גע'שחט'ן ווערען.
די קהלה-פערוואלטונג.

500,000 KANTOR WYMIANY 500,000
J. WEKSLER, ALEJA 6 TEL 155.
מאכט בעקאנט דאס ס'איז שוין דא צו בעקומען
די 14-טע מלוכה - לאטעריע.
יעדער צווייטער לאס געווינט.
דאס גרעסטע געווינס איז
500,000 א האלב מיליאן זלאטעס 500,000

כשר
פערלאנגט אומעטום
נור

„פאטאקאל"
תמיד
„פאטאקאל"
איז די בעסטע און ביליגסטע

קאקאס-פוטער
כשר

וויכטיג פאר דאמען!!!
איך מאך בעקאנט אז אין מיין
בטוואוסטע ווארשטאט פון דאמען-בעקליידונג
מ. סטאווסקי, אלעע 12
בעקומט מען נעקויפט אלערארט דאמען-מענטעל, די נייעסטע פאסאנען, ערשטקלאסיגע ארבייט, און ביי דעם קאלקולירט עס זיך מיט 20 פראצענט ביליגער ווייל איך קויפט דירעקט אין ווארשאווא.
ס'ווערען אויך אנגענומען בעשטעלונגען פון אייגענע און אנפערטרויטע סחורות.
געדענקט דעם אדרעס: מ. סטאווסקי אלעע 12, הויף, 1 שטאק.
פאר דער קונדשאפט ווערען מאדעלען פריי געצייגט.

לטזט אויפמערקזאם!!!
דער בעוואוסטער לאגער פון **טוך און קארטעז**
F. Tenenbaum, Aleja 1
איז צום יעצטיגען סעזאן פערזעהען מיט א גרויסען אויסוואהל
פון קאמגארנען, גאבארדינען, באסטאנען און אנד. מאדע-סחורות
צו די ביליגסטע פרייזען און אויף די בעסטע בעדינגונגען.
פ. טענענבוים אלעע 1, 1 שטאק פראנט
שניידער

וואטע און וואטאלין
פון דער בעוואוסטער ביאליסטאקער פירמע
M. Mozes Lipkes, Białystok
ul. Kupiecka 7
איז די בעסטע און ביליגסטע.
עס ווערען אנגענומען קלענערע און גרעסערע בעשטעלונגען.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט יאהר
ווינשען מיר אונזערע געעהרטע לעזער און אבאנענטען אנאנסען - געבער, מיטארבייטער און קארעספאנדענטען, אין לאנד און אין אויסלאנד, איבערהויפט אין ארץ-ישראל און אמעריקא, און דעם גאנצען כלל ישראל.
רעדאקציע און אדמיניסטראציע
„טשענסטאכאווער צייטונג".

א כתיבה וחתימה טובה
צום נייעם יאהר וואונשען מיר אלע געעהרטע מנדבים לטובת דעם „בית לחם", אונזערע שטענדיגע מיטארבייטער און מיטהעלפער.
די פערוואלטונג פון „בית לחם".

א גוט יאהר!
אלע מיינע געעהרטע יודישע בעזוכער פון טשענסטאכאו און אומגעגענד ווינש איך צו דער נייעם יאהר פיעל גליק און צופרידענהייט.
אלס צייכען פון אכטונג טראג איך איין אין דער רעדאקציע „טשענסטאכאווער צייטונג" 250 זלאטעס פאר „בית לחם", און 250 זלאטעס צום איינווייהען פון דער יודישער גמינע.
W. Krzemiński
właśc. kina „ODEON".

א גוט יאהר!
אלע מיינע געעהרטע יודישע בעזוכער פון טשענסטאכאו און אומגעגענד ווינש איך צו דער נייעם יאהר פיעל גליק און צופרידענהייט.
אלס צייכען פון אכטונג טראג איך איין אין רעדאקציע „טשענסטאכאווער צייטונג" 100 זלאטעס פאר „בית לחם", און 100 זלאטעס צום איינווייהען פון דער יודישער גמינע.
W. Gogut
wł. kina „Nowości".

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט יאהר
ווינשען מיר אונזער ג' עהרען-פרעזעס
ה' ש. ניעמיראווסקי.
די פערוואלטונג
פון קליינהענדלער-פעראיין אין טשענסטאכאו.

לשנה טובה תכתבו ווינשען מיר אונזערע עלטערן, געשוויסטער, קליענטען, פריינד און בעקאנטע.
פסח שלעזינגער און פרוי.
אנשטאט קארטען שענקען מיר 15 בערשטען פאר'ן יודישען שפיטאל.

מיינע ליבע עלטערן, פרוי און קינדער, שוויגער - מוטער און פאמיליע, דעם ג' עבער-קאנטאר פון דער טשענסטאכאווער סינאגאגע ה' א. ב. פישעל און פאמיליע, דעם דיריגענט ה' י. זאקס און פאמיליע, ווי אויך אלע מיינע פריינד און בעקאנטע א כתיבה וחתימה טובה צום נייעם יאהר.
וואלף שמידט צייטאו. אין בידגאשטש.

א כתיבה וחתימה טובה
ווינשען דער ג' קונדשאפט, פאמיליע, פריינד און בעקאנטע
אייזיק אבראמאוויטש און פרוי אלעע 4.

CZĘSTOCHOWSKI BANK SPÓŁDZIELCZY
מאכט בעקאנט, דאס צוליעב די בעפארשטעהענדע יודישע ימים-טובים, ראש-השנה און יום כפור, וועלכע קומען אוים דעם 9, 10 און 18 ד.ח. וועט די באנק אין די דערמאנטע טעג זיין געשלאסען.
די געעהרטע אינטערעסאנטען ווערען דעריבער געבעטען צו ערלעדיגען אלערליי אנגעלעגענהייטען היינט ערב ראש השנה.
עס ווערט בעמערקט, אז די וועקסלען, וואס וועלען נישט אויסגעקויפט ווערען פאר יום טוב, וועלען אריינגעגעבען ווערען אין דער קאנצעלאריע פון רעיענט, יוזעף כזשאנאווסקי, אלעע 22. וואו די וועקסלען קענען אין טאג פון צאהלונגס-טערמין אויסגעקויפט ווערען ביז 2 נאכמיטאג אהנע קאסטען.

Szkoła koedukacyjna | Przedszkole (freblówka)
ZOFJI WAJNSZTOKÓWNY
zawiadamia
iż egzaminy wstępne i poprawkowe do klas: A, B, C, I, II, III i IV rozpoczną się w drugim terminie dn. 12-go września
iż przyjmuje dzieci od lat 3-ch.
Śpiew, rytmiczna gimnastyka; gry i zabawy przy akompanjamencie muzyki.
Kino szkolne, bibljoteka i inne pomoce naukowe, dla celów naukowych i pedagogicznych.
Szkoła prowadzona według nowoczesnych wymagań pedagogicznych.
Zgłoszenia przyjmuje się od 3 do 6 p.p. w kancelarji (Piłsudskiego 13).
Dla niezamożnych ulgi.

אה-ברי.

תשליך.

דעם שמוץ, די אונרײן
אַוועק! וואַרפט אַוועק!
צום פּירוד און קריג
זאָל נעמען אַן עק.

אײַנען-נוק, קנאָיוס, כבודים
וועגען דעם מעהר קײַן וואָרט
רחמנות און מענשען - ליבע
זאָלען פערנעמען זײער אָרט.

אַוועק מיט'ן פּירוד און קאַמף
מחלוקות, שנאה און האַס
פרידען, שלום און אײַנהײַט
זאָלען בעהערשען די יודישע גאַס.

תתחדש!

(ראש-השנה געדאַנקען).

אײַנציגווײַז ציהט זיך אַראָב פון אונז, פון דעם יודישען לעבען, דער לבוש, וואָס האָט אונז אין משך פון יאהר אײַנגעהילט אין זײַנע אָרעמס.

אײַנציגווײַז ציהט זיך אַוועק פון אונז דאָס יאהר תרפ"ו וואָס איז פון די גרויסע איבערלעבענישען בעפלעקט, פערעלטערט און אבגעניצט געוואָרען.

פלעקען און פיאָסע צײַכענס וועגען דאָ-אויף פערהאַן, געשמוצט פון אַלערלײַ אונזערע שונאים, וועלכע האָבען נישט אויף יאהר אײַן יאהר אויס די יודישע רײַנקײַט צו בעשמוצען, וועלכע זוכען אויס בײַ יעדער געלעגענהײַט א פלעק אויף אונזער געשיכטע, אויף דעם יודישען לעבען טריטצוטרעפען— און מיר וועהרען און פערטײַדיגען זיך, מיר מוזען שטענדיג שטעהן און זיך רײַן-וואַשען. וועהר וועהר, אָבער מיר מוזען רײַן זײַן, אַזוי פערשטעהט די וועלט, אַזוי פערשטעהען מיר אין בעצוג צו זיך.

ווײַ ווענען עס די וועלכע טרעטען אין די בלאָטעס און שפּריצען אונז אײַן —און דאָך הויבען זײַ אויף שטעקער די הענד און ווײַזען אויף אונז, וואַרפען אונז פאָר, אז מיר ווענען עס די בעפלעקטע, די נישט- רײַנע, די פערשולדיגטע אין זײַערע מעשים.

אַזוי איז שוין דער יודישער גורל, אַזוי זעהט שוין אויס יאהרען הונדערטער די יודישע טראַגעדיע.

אָבער נישט בלויז פון אויסען, נישט בלויז אונזער אויסערליכע, נאָר אפילו אונזער אינערליכע אַלטע שונאים, מהוען א סך מאָהל פעראורזאַכען, אז מיר ווערען בעשמוצט, אז אונזער נאַציאָנאַלער לבוש, וואָס הילט אַרום דאָס יודישע פאָלק ווערט פעראונרײַניגט און בעפלעקט.

און דאָס אַלטע יודישע פאָלק, טראָגט אויף זײַנע פּלײַצעס דעם לבוש, מיט וועלכען יעדעס יאהר בעקלײדט אונז, עס נעמט צו אין זיך „אַלערלײַ" נישט ריכטיגע שמוץ, מיט וועלכען מען בעוואַרפט עס, עס נעמט אַלץ אַרויף אויף זיך, און אין משך פון טעג, וואָכען און חדשים, נעהמט עס אַזוי, ביז עס קומט אָן די צײַט, ווען ס'ווערט אַראָבגעצויגען פון אונז דאָס אַלטע, דאָס שווערע אַבגעלעבטע און געליטענע. און עס הויבט זיך אָן אויף דעם יודישען לעבען אויפצוציהען א נײַ יאהר, א נײַער לבוש, הילט אַרום דאָס יודישע לעבען, וואָגט אין נײַע צײַטען, בעסערע טעג, לעבט אויף די אַלטע אַבגעלעבטע האָפנונג בעפליגעלט און בעהערשט זי.

און אין די יודישע הערצער ווערט פערשטימט דער אַלטער צער, עס ווערט פערגעסען דער איבערלעבטער פּײַן. און אַלץ ווערט בעפרײַט, בענײַט, אויפגעלעבט און אָטעמט פרײַהײַט זיך אין דער לופט, קלינגט אַב דורך דער געשיכטע דער אויפגעפרישטער און דורכ'ן לעבען יעדען נײַגעבאָרענער רוף: „תתחדש".

בענטשט דאָס נײַע יאהר, ווערט עס אויף זיך און טראָגט עס אין'ם לעבענס-קהל פון דער אײַביגקײַט, טראָגט עס אין דעם גרויסען מרחק פון מענשליכען לעבען, טראָגט עס און געדענקט אז עס איז א נײַ מלבוש. געדענקט, אז מען מוז עס שטענדיג, מען מוז עס אָבהיטען, ווײַל רײַן איז עס, ווײַל אונשולדיגקײַט אָטעמט דאַפון. און רײַן זאָלט איהר עס האַלטען, נישט לאָזען עס בעשמוצען אָדער בעפלעקען פון אינערליכע און אויסערליכע שונאים, ווײַל עס איז א נײַע שאַפונג פון דער געשיכטע אונזערער, ווײַל עס האָבען געדאַרפט [illegible] יאהרען אַדורכגעהן, ביז מיר ווענען דאָזי געקומען, ווײַל מיר האָבען געמוזט א סך לײַדען ביז מיר האָבען צו דעם דאָזיגען דערגרײכט.

און זאָל עס דעריבער מעקע זײַן פאַר אונז אַזאַ געשיכטליכער ערפאָלג. וואָס דאָס אַלטע, אײַביגע יודישע פאָלק, ווערט מיט נאָך א יאהר בערײַכערט, עס איז דאָך א טריומף פון בעפרײדיגען לעבען, פון שטענדיגען ענטוויקלען פון אונאָבהענגליכען ענטוויקלונגס גאַנג וועלכען מיר פערמאָגען.

עס ווערט דאָך פאַר דער גאַנצער וועלט אַלס בולט'ער און שטאַרקער דאָס „רעטזעלהאַפטיגקײַט" פון דער יודישער עקזיסטענץ פעהיגקײַט, עס בעווײַזט דאָך, אז אין בעצוג צום יודישען פאָלק דאַרף אַנגעוואַנדען ווערען דער פערקערטער פּרינציפּ, אַנשטאַט, עלטער און שוואַכער, ווערט עס קרעפטיגער און שאַפונגס-פעהיגער.

הונדערטער יאהרען ווענען אַוועק און דאָס דורך אַלערלײַ געיאָגטע און געפײַניגטע פאָלק, ווײַזט אַרויס אַלס נײַע כוחות, נײַע שאַפונגס מעגליכקײַטען. א יאהר נאָך א יאהר איז צו דער גרויסער לאַנגער קײט פון יודישען לעבען צוגעקומען. אײן יאהר וואָס קײן בעדײַטענדע ראָלע פאַר א פאָלק פון טויזענדער יאהר, אָבער נאָך אײן יאהר פערשטאַרקט אונזער עקזיסטענץ און די מײנונג פון דער גאַנצער וועלט, וועלכע האָט נאָך אין פערשידענע פאַלען געצווײַפעלט ווענען אונז. נאָך אײן יאהר יודישע געשיכטע קענען מיר איצט פערצײַכענען, א יאהר פון בײַחילונגע פּראָצעסען פון פריש בענײַטע אַלטע בלבולים, פון אַנפאַלען פון פערשידענע זײַטען, וועלכע קוקען מיט אײַפערזוכט אויף דער אַלטער געשיכטע אונזערער.

און דעריבער מעקע היטען אָב דעם דאָזיגען יום-טוב אַלע, אפילו די „קאָנסערוואַטיווע", אפילו די זוי-גערופענע צוריקגעשטאַנענע, וואָס ענטלויפען פאַר עפּיס נײַעס, די וואָס האָבען מורא און ווילען נישט הערען ווענען דעם נײַעם וואָרט, וועלכען דאָס יודישע פאָלק שמידט אויס פאַר זיך און פאַר דער מענשהײַט. זײַ, אַלע זײַ ווענען דאָך אָב דעם דאָזיגען יום-טוב, אַלע דאָס גאַנצע פאָלק וויל דאָך וואַ-בען דאָס נײַע יאהר אַלס א נײַ-יאהר בענײַט מיט א'אַנדער לעבען, מיט נײַע כוחות און נײַע שטרעבונגען, מיט נײַעם לעבענס-לוסט פאַר'ן נײַעם יאהר און וועלכען ס'זאָל, ווי מיר ווינשען זיך אַנהויבען א נײַעם לעבען.

דאָס איז דעריבער א גאַנץ כאַראַקטעריסטישער שטריך אין'ם יודישען לעבען. אַלע, וועהר זײַ זאָלען נישט זײַן ווענען פערצײַכענט מיט זײַער ווילען פאַר א נײַ-יאהר און נײַע ברכות, אַלע אין זײַערע הערצער לעבט און שטאַרקט זיך אין דעם יעצטיגען מאָמענט דער מעכטיגער ווילען, דער הײַסער און שטאַרקער וואונש, וועלכער דריקט זיך אויס אין'ם נאַציאָנאַלען תתחדש.

זאָל בענטשט ווערען דאָס יודישע לעבען, זאָל בענטשט ווערען דער יודישער כח, מוט און לעבענס-פעהיגקײַט, און זאָל בענטשט ווערען בײַ אונז דאָס וואָס איז אַלט, און ווערט דאָך פאַר אונז קײנמאָל נישט פערעלטערט.

זאָל מעכטיג און פרײַ אַבקלינגען דער נאַציאָנאַלער ת ת ח ד ש!

בן ישראל.

די „חזקה".

(א ראש-השנה'דיגע מעשה פון די הײַנטיגע צײַטען).

1.

ר' חײַם אשר איז שוין זינט 20 יאהר דער ימים - נוראים'דיגער בעל-תפלה אין שטאָדטישען בית-המדרש.

דאָס שטאָדטישע ביהמ"ד איז אײַגענטליך אין שטאָדט חשוב'ער אפילו פאַר דער שוהל, וואָרום אין שוהל דאַווענען נאָר אז מען רופט דאָס, סתם בעלי-בתים, פּראָסטע מענשען, און אין ביהמ"ד דאַווענען די פײַנסטע בעלי-בתים פון שטאָדט די גרעסטע נגידים און בני-תורה.

אין די פאָריגע יאהרען, פאַר'ן קריג איז ר' חײם אשר געווען כמעט דער גרעסטער נגיד פון שטעדטעל, געהאַט זעהר גרויסע געשעפטען, און דאָבײַ אויך געפיהרט א זעהר ברײַטע נגידיש הויז, אָבער דאָס דאַווענען פאַר'ן עמוד איז בײַ איהם געווען, ווי די לצים פלעגען זאָגען, זײַן „הויפט-געשעפט".

ווען עס פלעגט קומען אין שטאָדט אַרײַן עפּיס א חזן אָדער סתם א מנגן האָט ער שוין געהאַט זײַן סטאַנציע בײַ ר' חײם אשר'ן, וועלכער האָט איהם אויפגענומען בעסער ווי זײַן גרעסטען מוחר, ער האָט איהם מאכל ומשקה געגעבען און שטענדיג געהאַט צו איהם גענוג צײַט.

א גאַנץ יאהר פלעגט ער אויך זײַן בעל - תפלה און זעהר שעהן געדאַווענט, אָבער אין די ימים - נוראים איז זײַן דאַווענען געווען אויסגעצײַכענט. ער איז געווען א ספּעציאַליסט אויף די תפלות פון ימים-נוראים, זײַן „יתגדל", זײַנע „אבות" און בכלל זײַן גאַנץ „וואָנעכץ" איז געווען א אויסנאַהם.

דער עולם איז שוין געווען אַזוי צוגעוועהנט צו זײַן דאַווענען אז זײַ האָבען זיך גאַרנישט געקענט פאָרשטעלען קײן ימים-נוראים אָהן ר' חײם אשר'ס מוסף אָדער כל-נדרי, און זײַן דאַווענען האָט אַזוי צוגעצויגען דעם עולם אז אפילו די מתפללים פון דער שטאָדט-שוהל האָבען געלאָזט שטעהן דעם חזן און ווענען געקומען אין בית-המדרש אַרײַן הערען ר' חײם אשר'ן דאַווענען, אַזוי אז דאָס ביהמ"ד איז געווען פול געפאַקט.

2.

די לעצטע יאהרען בעת'ן קריג און נאָכ'ן קריג ווענען זײַנע געשעפטען אַוועק זעהר שלעכט, ער איז וואָס מאָל געוואָרען מעהר געדריקט. און ער האָט זיך געהיטען אז מען זאָל אין שטאָדט פון דעם נישט וויסען. ער האָט נאָך אַלץ ווײַטער פערנומען זײַן שעהנע דירה און אײַגענעם הויז און זיך געפיהרט מעשה נגיד, און נאָך אפילו דעם לעצטען ראש - השנה איז דער גאַנצער עולם געקומען צו איהם „נאָך - טיש" טרינקען משקה, און ווען זײַ האָבען געוואָלט שיקען נאָך משקה פאַר זײַער געלד, האָט ר' חײם אשר זיך בעלײַדיגט און דערצו נישט דערלאָזט.

איך וועל מײַן „חזקה" נישט אַבלאָזען אַזוי לאַנג ווי איך וועל האָבען כח, אַזוי ווי איך זיך שוין 20 יאהר און אַזוי וועל איך זיך פיהרען ביז מײַנע לעצטע כוחות—האָט ער שטענדיג בײַ זיך געטראַכט, און אַזוי אויך געטהון.

די לעצטע צײַט איז אָבער זײַן לאַגע געוואָרען זעהר שלעכט, זײַן געשעפט האָט זיך אינגאַנצען אָבגעשטעלט, זײַן הויז האָט ער שוין אינגאַנצען פערשכנ'ט, א עהרליכער מאַן איז ער געווען, ער האָט קײנעם נישט געקענט נישט בעצאָהלען, שלעכטען בעצאָהלט און ער איז געבליבען א רײַנער אָרימאַן.

עס איז איהם זעהר שווער געווען זיך צוגעוועהנען צו זײַן שלעכטער לאַגע, דערמאַנענדיג זיך וואָסערע גרויסע ראָלע ער פלעגט אַמאָל שפּילען און וואָסערע ברײַטע הויז ער האָט געפיהרט, איבערהויפּט האָט ער זיך געפיהלט נידערגעשלאָגען און פערזאָרגט, ווען עס האָבען אַנגעהויבען צוריקען די ימים-נוראים, ווען ער האָט געוואָלט זיך ווײַטער פיהרען אַזוי ווי אַמאָל, בעזונדער האָט איהם זעהר געקרענקט אז די אײַנוואוינער פון שטאָדט זאָלען זיך דערוויסען וועגען זײַן לאַגע.

זײַן פרוי וועלכע פלעגט מיט איהם שטענדיג רעדען וועגען זײַער טרויעריגער לאַגע און וועגען זוכען א מיטעל די לאַגע צו פערבעסערן, האָט אײַנמאָל צו איהם געזאָגט אז אפשר וואָלט גלײַך געווען דאָס ער זאָל ערגיץ דאַווענען די ימים-נוראים פאַר געלד.

דו ביסט א בעריהמטער בעל-תפלה — האָט זי צו איהם טרויעריג געזאָגט און די טרעהרען האָבען זי געשטיקט — און מיר ווענען אז אפילו אַזעלכע וואָס קענען זיך נישט אַנהויבען בערגלײַכען צו דיר, פאָהרען אַרום אויף די ימים-נוראים דאַווענען און פערדינען דאָבײַ אויף יום טוב. פאַרוואָס זאָלען מיר אויך נישט אַזוי טהון? איך מײן אז דו זאָלסט פאָהרען קײן וואַרשא וואו דו וועסט געוויס בעקומען א אָרט צו דאַווענען אין א גרויסער שוהל, און פאַר דעם געלד וואָלטען מיר געקענט מאַכען יום-טוב און זיך אַביסעל צוגרײַטען אויפ'ן ווינטער.

אָבער וואָס רעדסטו?—האָט ר' חײם אשר געשריגען אינגאַנצען ציטערנדיג —דו פערגעסט אז איך האָב א „חזקה" אז איך דאַווען שוין אין הײַנטיגען בית-המדרש צוואַנציג יאהר, און דו ווײסט וואָס עס הײסט אָבלאָזען א חזקה אין די ימים-נוראים? דו ווילסט זיך שפּילען מיט פײַער און חס ושלום ריזיקירען מיט כ'חײַם אַלײן נישט וואָס? יאָ, א חזקה די ימים-נוראים איז נישט קײן קלײַניגקײַט, דאָס קען מיך חלילה אַמאָל מײַער קאָסטען.

הערענדיג אַזעלכע ווערטער האָט די פרוי מיט איהם שוין וועגען דעם מעהר נישט געוואָלט רעדען, אָבער בײַ איהם אַלײן איז עפּיס דער געדאַנק וועגען אַוועקפאָהרען דאַווענען פאַר געלד געוואָרען וואָס אַמאָל מעהר רײַף. אַנפאַנג האָט ער זיך אָבגעשרעקט און מיט געוואַלד דאָס געדאַנק פון זיך פערטרײַבען, אָבער וואָס אַמאָל האָט איהם דאָס מעהר דערקוויקט און ער האָט זיך פון דעם געדאַנק בשום אופן נישט געקענט בעפרײַען.

א חזקה איז טאַקי א דבר גדול — האָט ער בײַ זיך געטראַכט — דאָס מאָר מען נישט אַזוי לײַכט אַבזאָגען, דאָ האַנדעלט זיך אָבער אין סכנת-נפשות, איך האָב נישט פון וואַנען צו נעמען אויף די ימים טובים און דאָ קען איך פערדינען א שעהנע סומע בדרך כבוד, איז דאָס אפשר נישט אַזוי אַוועקצוואַרפען.

א לאַנגע צײַט האָט ער מיט זיך אינערליך געקעמפט נישט קענענדיג זיך דעצידירען וואָס צו טהון. פון אײן זײַט די חזקה, פאַר וועלכער ער האָט שטאַרק מורא געהאַט און פון דער אַנדערער זײַט זײַן געדריקטע לאַגע וואָס פאָדערט פון איהם אויפצוזוכען די גוטע געלעגענהײַט ווען ער קען פערדינען אויף יום-טוב א שעהנע סומע, און נישט קענענדיג זיך העלפען און קײן עצה געבען האָט ער בעשלאָסען צו פאָהרען צום רבי'ן פרעגען א עצה, און ווי דער רבי וועט איהם זאָגען אַזוי וועט ער טהון.

3.

אויף דעם ערשטען שבת פון חודש אלול איז ער אַוועקגעפאָהרען צום רבי'ן און אויסהערענדיג זײַן פראַגע, און ווי אַזוי זײַן לאַגע זעהט אויס האָט דער רבי מסכים געווען אז ער זאָל הײַ-יאָהר זיך אַבזאָגען פון דער חזקה און זאָל דאַווענען אין א אַנדערע שטאָדט פאַר געלד.

צוריקקומענדיג פון רבי'ן איז ער פערבליבען אויף עטליכע טעג אין וואַרשא און זיך געשטעלט אין א געוויסער שוהל, וואו ער האָט אויף פּרובע געדאַווענט שבת און נאָכדעם ווי זײַן דאַווענען איז זעהר געפעלען געוואָרען האָט ער זיך פערדונגען פאַר א גוטען לוין צו דאַווענען די ימים-נוראים, און איז צופרידען אַהײם געפאָהרען.

קומענדיג אַהײם האָט ער זיך נישט געקענט העלפען און נישט געוואוסט ווי אַזוי און מיט וועלכע תירוץ ער זאָל זיך אַבזאָגען פון דאַווענען אין שטאָדטישען ביהמ"ד, און ערשט נאָך א לאַנגען ישוב הדעת איז בײַ איהם פערבליבען אז ער זאָל געהן צום רב און איהם זאָגען אז ער וועט נישט דאַווענען די ימים - נוראים, ווײַל ער פאָהרט אויף יו"ט צום רבי'ן.

עס איז איהם אפילו זעהר שווער אָנגעקומען דעם רב צו זאָגען א ליגען, אָבער ער האָט קײן אַנדערע עצה נישט געהאַט, ווײַל ער האָט פאַר קײן פאַל נישט געוואָלט אז מען זאָל זיך אין שטאָדט דערוויסען דעם אמת, און ער איז אַוועק צום רב.

דער רב הערענדיג אז ער וועט נישט דאַווענען פאַר'ן עמוד, איז ערציטערט געוואָרען און צו איהם געזאָגט: וואָס הײַסט עפּיס ר' חײם אשר, איהר לאָזט אונז אָהן בעל-תפלה די ימים-נוראים? איהר ווײסט דאָך ווי מען איז צוגעוועהנט צו אײַער דאַווענען און די בעלי - בתים וועלען משום האָבען א פערשטערטען יום-טוב, און בעזונדער ווי קען מען זיך דאָס אַזוי לײַכט אַבזאָגען פון א צוואַנציג-יעהריגער חזקה אין די ימים נוראים?

איך האָב דאָס אַלעס איבערשמועסט מיט'ן רבי'ן זאָל לעבען,—האָט ר' חײם אשר געענטפערט אין פערלעגענהײַט— און אויב דער רבי האָט דערצו מסכים געווען געהט מיך מעהר נישט אָן.

דער רב האָט געפּרובט מיט איהם פענה'ן אז ער זאָל זיך גוט מישב זײַן אָבער ער האָט זיך קאַטעגאָריש אַבגעזאָגט און איז אַוועק.

אין שטאָדט האָט זיך באַלד פערשפּרײט א ידיעה, אז ר' חײם אשר וועט הײַ-יאָהר נישט דאַווענען, און די גאַנצע שטאָדט האָט זיך אויפגעקאָכט, מען האָט באַלד געמאַכט א אספה בײַם רב, דאָס גאַנצע שטעדטעל מענער און פרויען האָבען נאָר גערעדט וועגען דעם וויכטיגען געשעהעניש, די אספה האָט בעשלאָסען צו שיקען א דעלעגאַציע פון די חשוב'סטע מענשען און פּרובען בײַ איהם נאָך פועל'ן אז ער זאָל זײַן בעשלוס ענדערען.

דאָס אַלעס האָט אָבער זעלבסטפערשטענדליך נישט געהאָלפען, ר' חײם אשר'ן אַלײן האָט דאָס אויך גענוג געביטערט, עס איז איהם גענוג שווער אָנגעקומען זיך אָבצוזאָגען פון שטאָדט אין די הײליגע טעג, אָבער ער האָט געפּאַסט מיטה, און אויף שבת פאַר די ערשטע סליחות איז ער אַוועק געפאָהרען קײן וואַרשא, געלאָזט ווי ער האָט זיך מיט אַלע געזעגענט זאָגענדיג אז ער פאָהרט צום רבי'ן.

אין שטאָדט איז די זאַך געווען א רעטעניש, מען האָט וועגען דעם גערעדט ווי וועגען עפּיס א העכערע זאַך, און קײנער האָט זיך נישט געקאָנט אינטערעסירען צו פערשטעהן דעם רבי'נס כונה, צוגעבענדיג אז מן השמים איז דאָס אַזוי מן השמים. און דער רבי האָט געזעהען ברוח הקודש אז אַזוי דאַרף דאָס זײַן.

4.

אין שטאָדטישען ביהמ"ד האָט געדאַווענט א אַנדערער בעל-תפלה, אָבער אַלע האָבען זיך נישט געפיהלט אין דערהײם, און מען האָט בספר נאָר גערעדט וועגען ר' חײם אשר'ן און זײַן דאַווענען, און זיך נישט געקענט בערוהיגען.

ערשט נאָך יום-כפור איז ר' חײם אשר אַהײמגעקומען „פון רבי'ן", מיט א שעהנע סומע דער מאַטש, ווײַל ער האָט מיט זײַן דאַווענען שטאַרק אויפגענומען און ער האָט בעקומען בעצאָהלט נאָך מעהר ווי ער האָט זיך פערגליכען.

אַלע ווענען איהם געקומען מקבל פנים זײַן, געוואונשען א גוט יאהר, צוגעבענדיג אז אי"ה אויפ'ס יאהר אז גאָט וועט העלפען וועט ער ווידער בײַ זײַ דאַווענען, און נישט מעהר אַוועק פאָהרען.

אודאי, אודאי—האָט ר' חײם אשר געענטפערט—אז גאָט וועט מיר העלפען... וועל איך נעהמען מעהר נישט אַוועקפאָהרען, אויף די ימים-נוראים...

קײנער אין שטעדטעל ווײַס נאָך עד היום נישט וואָס ר' חײם אשר איז באמת געווען די ימים-נוראים.

י. נעלזאָהן.

אויף א זיצונג מיט נחום סאָקאָלאָוו אין תל-אביב.

(א בריוו פון ארץ-ישראל).

פון ש. ז. שרגאי, ירושלים.

אלס פארשטעהער פון „הפועל-המזרחי" אין ארץ-ישראל, בין איך געקומען קיין תל-אביב אנטייל צונעמען אין דער זיצונג וואס דארף דא פארקומען מיט דער בעטייליגונג פון דעם חשוב'ן גאסט דער פרעזידענט פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע נחום סאקאלאוו.

אין דער זיצונג האבען זיך בעטייליגט פארשטעהער פון דער הנהלה הציונית, ועד הלאומי, הסתדרות העובדים, הפועל המזרחי, דעלעגאטען פון קאלאניעס, הסתדרות בעלי - המלאכה התימנים און פון מסחר ותעשיה, צוזאמען לערך 100 דעלעגאטען פון די בעסטע מענשען.

די הויפט-פראגע וואס איז געשטאנען אויפ'ן טאג-ארדנונג איז געווען די ארבייטסלאזיגקייט (חוסר העבודה)! וואס הערשט אין לאנד, וועלכע בעשעפטיגט היינט די מוחות פון אלע וואס זארגען פאר'ן אויפבוי פון ארץ-ישראל, און דאריבער זענען אלע אנוועזענדע געווען זעהר ערנסט און בעזארגט.

אויך דער מנהיג סאקאלאוו, איז זעהר ערנסט, ער איז נישט פעסימיסטיש, ווייל עס איז נישטא קיין ארט פאר פעסימיזם, נאר אביסעל דערשראקען איז ער, דער פיהרער, ער האט מורא פאר דער לאגע וואס איז שוין געקומען צו א מצב פון בהלה, מען האט פערלוירען דעם גלייכגעוויכט, מען ווייסט נישט וואס צו טהון, און וואס עס קען געטהון ווערען, ווערט אויך צוליב דער בהלה נישט געטהון, און דאס בעאונרוהיגט איהם, סאקאלאוו'ן.

ווען ער רעדט, ווען ער טרייסט און ערמוטיגט אונז, פיהלען מיר אלע אז דאס זענען נישט גלאט קיין טרייסט-ווערטער, אז ער איז נישט אויסען סתם אונז צו טרייסטען, נאר ער וויל צוריקשטעלען דאס גלייכגעוויכט, און בערוהיגען די אויפגערעגטע געמיטהער.

האלט! לויפט נישט! זייט נישט מבוהל,—טרייסט ער אונז—בעטראכט וואס עס איז צו טהון, און וואס מען דארף טהון, ווארום וואס צו טהון איז פערהאנען א סך.

זיין שטימע איז אדורכגענומען מיט צער און שרעק אז ס'זאל חלילה נישט געהן לאיבוד דאס וואס ס'איז נאך אזויפיעל מיה און אנשטרענגונג געשאפען און געבויט געווארען, צוליב דער בהלה, און מיט פערביטערונג ווארפט ער אב די בעשולדיגונג אז די פיערטע עליה אדער ווי מען רופט זי „די פוילישע עליה" איז אין אלעם שולדיג, אז מיר פאר'ן נישט בויען קיין תל-אביב'ס א.א.וו.

נישט מיט קיין חשבונות לעבט דאס יודישע פאלק—שרייט אויס סאקאלאוו און זיין שטום ציטערט—מיר עקזיסטירען נישט אויף קיין ציפערן און אויפרעכנונגען. און אויך דאס לאנד ווערט נישט געבויט מיט קיין חשבונות. יעדער יוד וואס קומט בויען ארץ-ישראל, די שטאדט אבער דאס דארף איז ביי אונז גלייך טייער, ווייל ער בויט ארץ-ישראל.

ער ווענדעט זיך צו די פארשטעהער פון די קאלאניעס וואס אין זייער האנד ליגט צו ראטעווען די גאנצע לאגע, בשעת די ויכוח'ים חיזוק זיך טרויט, אז עס איז דא א מעגליכקייט ארבייט-צונעמען אין די קאלאניעס ביז 10,000 פועלים, איז דער צייט וואס ארבייטסלאזע זענען נאר פערהאנען ביז 7000 אין די הענד פון די קאלאניסטען ליגט אין יעצטיגען מאמענט דער גורל פון ארץ-ישראל און פונ'ם גאנצען יודישען פאלק, ער פאדערט אויף די קאלאניסטען אז זיי זאלען זיך דערהויבען איבער די קליינע פינאנציעלע חשבונות און זאלען ראטעווען די קאטאסטראפאלע לאגע.

התרוממו!—שרייט אויס דער פיהרער—און מיט דעם ענדיגט ער זיין רעדע.

און וואל איז שטיל, קיינער וואגט נישט צו ריהרען זיך פון ארט, אלע זענען אדורכגעדרונגען מיט די שטרענגע שטראף-רייד פונ'ם מנהיג, און קיינער פון די אנוועזענדע האט נישט קיין מוטה אנצוהויבען די ויכוח'ים.

א לענגערע צייט הערשט די שטילקייט.

ענדליך הויבען זיך אן די ויכוח'ים, פון וועלכע ס'ווייזט זיך ערויס אז ווען די קאלאניסטען פון די קאלאניעס וועלען זיך וועלען אביסעל אנשטרענגען און ארבייטען מיט בלויז יודען, און ווען דער אלטער ישוב וועט זיך בענוצען מיט בלויז „עבודה עברית" וועט קיין פראגע וועגען ארבייטסלאזיגקייט אין א"י נישט געווען.

נאך א לענגערע אונטערהאנדלונג וואס האט זיך פערצויגען ביז 2 א זייגער ביי נאכט, איז מען ענדליך געקומען צו א הסכם אז די קאלאניסטען זאגען צו צו שטיצען דאס ארגאניזירונגען פון יודישען ארבייטער אין די קאלאניעס.

עס ווערט צו דעם צוועק אויסגעוועהלט א קאמיסיע און וועלכער ס'געהען אריין: ד"ר לאנדויער פון הנהלה הציונית, בן-צבי פון הסתדרות הכללית, משרגאדיק פון ועד הלאומי, איך פון הפועל המזרחי און לוברעכט מיט סמאלענסקי'ן פון קאלאניעס-פארשטעהער.

די קאמיסיע האט בעשטימט איהר ערשטע זיצונג אויף היינט 3 א זייגער נאכמיטאג, כדי צו בעטראכטען די פערלאנגען פון די ארבייטער פארטייען (הסתדרות הכללית און הפועל-המזרחי) וועגען דעם ארגאניזירען יודישע ארבייטער אין די קאלאניעס. צום בעדויערען זענען אבער די פארשטעהער פון די קאלאניסטען אין וועמען אלץ איז געהאנגען, צו דער זיצונג נישט געקומען, און ממילא איז די זיצונג נישט פארגעקומען ווייל אהן די קאלאניסטען האט די זיצונג קיין בעדייטונג נישט געקענט האבען.

אויב די זיצונג וועט נאך צושטאנד קומען און בכלל צו דער פלאן וועט אדורכגעפיהרט ווערען איז פערלויפיג נישט בעהאופט, אפשר יא. אבער דערווייל האט מען מורא, אז די דאזיגע פריוב פון סאקאלאוו'ן וועט זיך נישט איינגעבען און דאס וואלט געווען זעהר שמערצליך.

עס אזוי ראנגעלט מען זיך דא מיט דער לאגע, אבער מיר זענען פארט זיכער אז דאס שלעכטע איז חלילה נישט אויף לאנג, אז די צייטען וועלען זיך בעסערן, און מיר וועלען נאך אלץ דערצעהלען אין פרייערן.

תל-אביב ט' אלול תרפ"ו.

30 דורות יודען אין פוילען.

פון דער ערשטער צייט, וואס יודען האבען איינגעוואנדערט ביז צו דער איצטיגער ווידערגעבורט פון דער פוילישער מלוכה.

פון גרשם באדער.

— I. —

די ערשטע יודישע מאסען-איינוואנדערונג אין פוילען.

ווי שטארק עס איז געווען די איינוואנדערונג פון יודען אין פוילען אין דער צייט פונ'ם ערשטען „קרייץ צוג" (אנהויב 12 יאהרהונדערט) גלייך ווי בעת די שפעטערע מלחמות אין דייטשלאנד און אין בעהמען האט די דאזיגע איינוואנדערונג ערשט ביים ענדע פונ'ם 13 יאהרהונדערט ארויסגערופען א שארפע געגנערשאפט פון די גלחים, וועלכע האבען זיך ערשט דאמאלס ארומגעקוקט, אז דאס וואס די יודען האבען געפונען שוץ און צופלוכט אין פוילען, איז שעדליך פאר'ן פרעסטיזש פון דער קירכע, וועלכע לערנט צו גלויבען, אז יודען זענען ווינדיגע מענשען, וואס טארען נישט קיינמאל האבען קיין רוה".

האט דאן דעריבער די קריסטליכע קירכע קרום געקוקט אויף דער גינסטיגער ענטוויקלונג פון דער יודישער לאגע אין פוילען און די גלחים האבען נישט געוואלט ליידען, וואס די פוילישע פירשטען גיבען אזוי פיעל פרייהייטען צו יודען. איז דאן דעם 9 פעברואר 1267 צונויפגערופען א גלח'ישער „סינאד" אין ברעסלוי, וואו עס איז בפירוש געזאגט געווארען, אז די גוטע לאגע פון די יודען אין פוילען איז א געפאהר פאר דעם קריסטענטום. דעריבער דארף מען אויסגעפונען מיטלען אוועקצונעמען ביי די יודען זייערע פרייהייטען כדי זיי זאלען וויסען, אז „נישט זיי זענען די בעלי-בתים פונ'ם לאנד".

יודען וואס געפונען זיך אין קריסטליכע לענדער—האבען די גלחים גע'טענה'ט—האבען נישט קיין רעכט צו מענשליכע פרייהייטען. „די קירכע דארף זיי בלויז לאזען עקזיסטירען אלס א לעבעדיגע וואהרהייטס-בעווייז, ווי דער אויבערשטער בעהאנדעלט זיינע פיינדער".

גלייכצייטיג האבען דאמאלס די פוילישע גלחים אנגענומען די טעאריע, אז די היינטיגע יודען שטעהען נישט מעהר אין קיין שום צוזאמענהאנג צו די יודען פון תנ"ך. אזוי ווי זיי האבען נישט אנגענומען דעם קריסטליכען גלויבען, האבען זיי פערלוירען דאס רעכט צו רופען זיך „דאס פון גאט אויסדערוועהלטע פאלק" און זיי זענען נישט מעהר די „געליבטע קינדער" פון זיין ליבען נאמען. עס די אלע שעהנע טיטולען געלאנגען נישט מעהר צו יודען, ווייל די דאזיגע טיטולען בעלאנגען היינט צו די גלויביגע פון קריסטוס און אלע נביאות וועגען ציון און ירושלים דארפען אויסגעטייטשט ווערען על פי רמז, אז די כונה פון יענע נביאות איז וועגען א הימלישען ירושלים, וועלכעס געפונט זיך אינ'ם הארץ פון די קריסטען.

צוליעב זייער שטארקען פערקעהר מיט פוילישע פריצים, צו וועלכע יודען פלעגען לייהען געלד און צונעמען ביי זיי אלס משכון זייערע הייזער און זייערע פעלדער, פלעגען דאמאלס מאנכע יודען לעבען ווי די פריצים, לאזען זיך טראגען איבער די גאסען פון שקלאפען אדער טרומפאהרען אין פריצישע קארעטען, אנגעטהון אין סאמעט און אין זייד, מיט א טייערען סויבעל-נעם „קאלפאק" אויפ'ן קאפ און מיט א גאלדענער שווערד ביי דער זייט. פריצים פלעגען אויך אפט איינלאדען זייערע בעקאנטע יודען צו זיך אין הויז און מאכען פאר זייערטוועגען ספעציעלע טישען מיט כשר'ע מאכלים.

האבען די גלחים בעשלאסען, אז ווען יודען האבען הייזער אין קריסטליכע גאסען, זאלען זיי געזעצליך זיין געצוואונגען די הייזער צו פערקויפען, יודען זאלען אויך נישט טארען האבען קיין שוהלען מעהר ווי איינע אין א שטאדט און די איינע שוהל זאל מוזען זיין אזוי בעהאלטען, אז מען זאל אויף איהר פון אויסענוועניג נישט דערקענען וואס איבעוועניג איז. ווען קריסטליכע פראצעסיעס געהען איבער'ן גאס, זאלען זיך יודען מוזען בעהאלטען אין זייערע הייזער, כדי נישט צו פעראומרייניגען דאס קריסטליכע הייליגטום מיט'ן קוק פון זייערע אויגען. קריסטען טארען נישט איינלאדען קיין יודען צו זיך אין הויז אריין, ווייל עס איז איבערהויפט א גרויסע חרפה, ווען קריסטען חבר'ן זיך מיט יודען. פון אזא געזעלשאפטליכען פערקעהר קענען זיך חלילה ענטוויקלען שדוכים צווישען קריסטען און יודען, דערביי וועלען די קריסטען גערויס, ווען זיי וועלען נישט אפיין, אז אנשטאט וואס זיי דארפען האסען און פעראכטען די יודען, וואס נישט קיין כשר'ע מאכלים און טרפה-געהאקטע פלייש פערקויפען זיי צו קריסטען. ווען א יוד וועט אריינעמען צו זיך אין הויז א קריסטליכע דינסט, זאלען ביידע צדדים בעשטראפט ווערען מיט שמוץ, דער יודישער דינסטגעבער און דער קריסטליכער דינסטמענש.

פונדעסטוועגען זענען די אלע בעשלוסען פון די גלחים געבליבען אהן ווירקונג. די קירכע האט זיך בעשלאסען דאס איהריגע און דאס לעבען האט זיך טראץ דעם אנדערש געפיהרט, זענען די גלחים און 1285 ווייטער צונויפגעפאהרען אין לענטשיץ און האבען דארט בעגייט די ברעסלויער בעשלוסען ווייטער, וואס זיך דאן ביישאף מאטאס פון ברעסלוי געקלאגט, אז די לאגע פון די יודען אין פוילען איז בעסער ווי די לאגע פון די קריסטליכע גלחים, ווייל ווערענד די יודען לעבען פריי און קענען אונגעשטערט נאכגעהן זייער בעשעפטיגונג — לעבען די גייסטליכע אין א שטענדיגער אונזיכערהייט און זיי קענען נישט קיינמאל וויסען וואס דער מארגען וועט פאר זיי ברענגען.

ספּעציעל געקרענקט האבען זיך די גלחים געפיהלט, וואס ווען די יודען זענען אנגעקומען פון דייטשלאנד קיין פוילען, האבען זיי געטראגען אויף זייערע קעפ א געהייטען ספרט קאפעלושען מיט א שפיץ ווי א שקארפויץ, וועלכער איז געווען פאר זיי ווי א „קין'ס-צייכען", צו דערקענען זיי פון היימען. און אזוי ווי זיי האבען זיך נור איינגעלעבט אין די פוילישע פערהעלטניסען האבען זיי תיכף ארונטערגענומען יענע קאפעלושען און האבען זיי אויפגעזעצט אויף פעלצענע היטלען, ווי פוילישע פריצים פלעגען טראגען. די גלחים האבען אויף זייער „סינאד" אין לענטשיץ בעשלאסען, צו צווינגען די יודען, אנצוטהון צוריק די פריהערע קאפעלושען. זיי האבען דאס אבער בשום אופן נישט געקענט פועל'ן.

(ענדע 5-טע זייט).

א שעה אין גמינע-לאקאל.

(פון די גמינע-בילדלעך).

1.

דער פראָסקוראוו'ער.

ווען מען קומט אין דער גמינע אין די פוטאג-שעה'ן, ווען דער פרעזעס נעמט אן, טרעפט מען אין דער ערשטער „פאטשעקאלניע" א לאנגען „אגאנעק". דאס זענען די געוועהנליכע פריטענדענטן וואס ווארטען ביז דער פרעזעס וועט זיי „אננעמען", און אין דער צווייטער שטוב זיצען אויף די בענק די שוין מעהר בכבוד'ע וואס ווארטען ביז עס וועט אנקומען זייער רייהע אריינצוגעהן אין קאבינעט.

דאס מאל ווען איך בין אריין אין דער צווייטער שטוב האב איך געטראפען א גרעסערן עולם שטעהן ארום א יוד מיט א ברייטער באָרד און א ברייטע יודיש - רוסיש היטעל וועלכער איז געשטאנען אין מיטען, און דער עולם האט איהם בעטראכטען מיט פייאנען, אויף וועלכע ער האט געענטפערט פרוויליג.

ווער איז דאס דער יוד—האב איך געפרעגט דעם סעקרעטאר.

דאס איז א יוד פון פראָסקוראוו — ענטפערט ער מיר — וועלכער האט מיט זיינע אויגען געזעהן דעם שרעקליכסטען פון אלע פאגראמען, ער האט אליין זעהר פיעל מיטגעמאכט און איז קוים מיט'ן לעבען ניצול געווארען.

איך געה צו נעהנטער.

די טיפע קנייטשען אויף זיין הויכען שטערן, די אויסגעלאשענע אויגען זיינע און זיין איינגעבויגענער קערפער ווייזען אז ער איז פיעל אדורכגעגאנגען, און איז צו אלעם גלייכגילטיג.

ער דערצעהלט פערשיידענע שוידערליכע פאקטען פון דער שרעקליכער שחיטה, און ער רעדט אזוי רוהיג ווי איינער וואס דערצעהלט עפיס א געוועהנליכע מעשה'לע. דער עולם שטעהט ווי פערשטיינערט, ביי איינינע גיסען זיך טרעהרען פון די אויגען, אלע פערגעסען וועגען וואס זיי זענען געקומען אהער, און זענען פערנומען מיט די שילדערונגען פונ'ם פראָסקוראווער וואס האט אלץ אליין געזעהען... וואס האט מיט זיין קערפער געלויבען צוזאמען מיט די טויזענטער קדושים... און אלע זענען איהם עפיס איינערליך מקנא...

דערהעל קומט אן זיין רייהע, דער וואָשאָני רופט איהם אריין צום פרעזעס און דער עולם בלייבט א לאנגע צייט שטעהן פערגאפט און ריהרען זיך נישט פון זייערע ערטער.

II.

אזוי ווי זי איז בעשאפען געווארען.

דער טעלעפאן קלינגט.

האלאָ! קטאָ מוּוי?

קאמיסאריאט פאליציי.

די באהן-פאליציי האט אונז געמאלדען אז אויפ'ן באהן-הויף געפונט זיך א יודישע פרוי וואס האט נישט אנצוטהון און געהט בשום נאקעט ווי גאט האט זי בעשאפען. מיר קענען זי אזוי נישט ארויסלאזען אין גאס, זאל די גמינע זי בעזארגען מיט קליידונג.

טעלעפאנירט וואטערט צום פרויען-פעראיין „עזרה" — פערטראגט דער פרעזעס — און זאלען זיי דאס פערזארגען.

עס דויערט נישט לאנג און עס קימען אריין עטליכע פארשטעהערינס פון „עזרה" וועלכע ערקלערען אז די „פאציענטקע" איז זיי גוט בעקאנט, זי האט ביי זיי שוין פיעל מאל גענומען, מיט קליידונג האבען זיי זי בעזארגט, און איצט דארפען זיי עטליכע זלאטעס אויף א בילעט אין דער נאהענטסטער באהן-סטאציע.

אוראי, אוראי—זאגט דער פרעזעס —זאל זי פאהרען ווייטער, צו וואס זאל זי אבשטייגען ביי אונז, אויב זי איז אזא בעקאנטע פראפעסיאנעלע פאציענטקע.

די גמינע-קאסע צאהלט אוים די נויטיגע עטליכע זלאטעס און די זאך איז ערלעדיגט.

III.

די „קרולאווא יאדוויגא פון פאלעסטינא".

איהר קענט געהיים די „יודישע קעניגין".

דאס איז א גייסטיג - קראנקע פרוי. איהר קרענק בעשטעהט אין דעם וואס זי זאגט אז יעדע נאכט בעווייזט זיך צו איהר א מלאך און זאגט איהר אז זי איז געקרוינט געווארען אלס יודישע קעניגין מיט'ן נאמען יאדוויגא, און זי וועט איינארדנען א בלומעל-טאג און פון די הכנסות וועט זי אריינפיהרען אלע יודען קיין פאלעסטינא.

זי קלאפט אן אין אלע יודישע אינסטיטוציעס, ביי אונז אין רעדאקציע איז זי א אפטער גאסט, און זי האלט אין איין שטורעמען אז די יודען זאלען איהר מיטהעלפען אדורכצופיהרען איהר גרויסען פלאן, און ס'איז זעהר שווער זיך פון איהר ארויסצודרעהען.

איינער א חונער יודישער גראַווירער האט איהר אפילו געמאכט א שטעמפעל מיט א אויפשריפט אויף יודיש און פויליש: „קרולאווא יאדוויגא פון פאלעסטינא" (צו וואס ער האט איהר אזא שטעמפעל געמאכט איז געהיים אומפערשטענדליך, אפשר האט ער נישט געקענט פון איהר פטור ווערען).

אין דער גמינע קומט זי יעדען טאג, און אפילו אין גאס לויפט זי נאך דעם פרעזעס און פאדערט פון איהם געלד אויף הוצאות פאר אלע יודען קיין פאלעסטינא.

ווען איך בין אריינגעקומען האב איך זי געזעהען רוהיג שטעהן אין דער רייהע און ווארטען גלייך מיט אלע.

שפעטער ווען איך בין געזעסען ביים פרעזעס אין קאבינעט, הערט מען א געהאלדער און א קריגעריי.

מיר לויפען אריין און זעהען ווי דער וואָשאָני אמפערט זיך מיט דער „קעניגין", וועלכע האלט אין איין שרייען: וואס הייסט עפיס מען לאזט מיך א קעניגין, אבשטעהען שעה'ן לאנג און ווארטען, איך האב נישט קיין צייט, אלע יודען ווארטען אויף מיר, איך מוז זיי אבפיהרען קיין פאלעסטינא און איך מוז האבען אויף הוצאות.

דער פרעזעס הויבט זיך אן אויפרעגען און ס'האלט געהים געקומען צו א סקאנדאל, אבער איך פרוב אלעמען בערוהיגען און פרעג זי:

וויפיעל איינגענטליך ברויכט איהר אויף הוצאות?

איך מיין!

א גילדען האט געגוג זיין!

ניין צוויי גילדען מוז איך האבען, עס מוז קאסטען צוויי גילדען הוצאות ביז פאלעסטינא פאר אלע משענעסטעכאווער יודען.

מען דערלאנגט איהר צוויי גילדען, און זי געהט צופרידען אוועק.

איקס.

דער יעהרליכער בילאנס.

אינ'ם לעבען פון א פאלק, איבער-הויפט פון א אור-אלט פאלק, װאס צעהלט זיין געשיכטע מיט טויזענדער יאהרען, האט געהיים דער משך פון א יאהר, נישט קיין גרויסע בעדייטונג. און פארט מאכען מיר יעדען סוף יאהר א סך-הכל פון דעם װאס מיר האבען אין משך פון יאהר געטהון, װי עס האט אויסגעזעהען אונזער נאציאנאל-קולטור לעבען, און װי עס האט זיך אונז עקאנאמיש געלעבט, װי עס זעהט אויס אונזער ארבייט אין ארץ-ישראל, װאס מיר האבען ביז יעצט געטהון, און װאס מיר דארפען װייטער טהון.

אלע װעלט-פעלקער פייערן דעם ראש-השנה, דעם אנהויב פון נייעם יאהר, אבער קיין פאלק געדענקט דאס נישט אזוי ערנסט װי מיר יודען. ביי זיי איז דאס א יום-טוב פון בעלער און הולטנקעס, מען פרעהט זיך און מען איז צופרידען אז מען האט װידער א יאהר אדורכגעלעבט, און ביי אונז איז דאס א הייליגער טאג, א טאג פון חשבון-הנפש, פון ארומזעהען זיך װאו [illegible] פון נפש, און דערביי מוזען מיר, מעהר װי אנדערע, שטעהען אויף דער װאך פון אונזערע לעבענס-אינטערעסען. טארען מיר קיינמאל נישט פערגעסען, און מיר מוזען פון צייט צו צייט אליין אדורכקאנטראלירען אונזער ארבייט צו אלע איהרע איינצעלנע פאזיציעס און יעדע זאך נאכרעכענען און נאכרעכענען.

ראש-השנה איז ביי אונז דער טאג װען מיר מוזען מאכען אונזער יעהרליכען בילאנס, אזוי װי אונזער מסורה זאגט אונז אז אין דעם טאג װערען די בוכער געעפענט, װערען אלע קאנטען גענוי אדורכשטודירט, און מען בערעכענט װי עס זעהט אויס דער „דעבעט" און װי דער „קרעדיט".

װען מען פיהרט גענויע בוכער, װען מען האלט די פעדער אין דער האנד און יעדע פאזיציע װאס קומט פאר װערט גענוי און אלזייטיג נאכגעזעהען, קען מען געהיים קיין טעות נישט האבען, קען מען קיין פעהלער נישט מאכען און דאן קען מען אפילו די גרעסטע קריזיסען אדורכלעבען און בלייבען אונז נישט ערשיטערט, און האבען אונז נישט געקענט שטורצען.

דאס איז געװיס דער אמת'ער זין פון ראש-השנה, װען מען מוז זיך ארומזעהען װי מען האלט, מאכען א חשבון-הנפש פון אונזערע מעשים אין משך פון פערגאנגענעם יאהר, צו מיר האבען ערפילט אונזערע פליכטען און אונזערע אויפגאבען לגבי אונזער פאלק, לגבי דעם יודישען ציבור, און אויב יעדער האט אויף זיך געפיהלט דאס אחריות װאס ער טראגט אויף זיך אלס א זוהן פון אלטען פאלק ישראל.

און דער בילאנס — דער רװח-והפסד, מוז זיין א גענויער, א פונקטליכער, יעדע פאזיציע דארף דורך אונז אליין קאנטראלירט װערען, יעדער פעהלער װאס איז בעגאנגען געװארען דארף בעזייטיגט װערען, יעדע מיסבראוך אין אונזער לעבען דארף פעררואמט װערען, מיר טארען קיין זאך נישט פערהוילען, דאס אונבערעכטיגטע מוז בעצייכענט װערען. און מיר מוזען אויף זיך נעמען צו ערפולען אונזערע אויפגאבען, צו שטארקען און קרעפטיגען [illegible] קיום אין עקאנאמיע אין משך פון לאנגען און פינסטערען גלות, װאס די אלע שרעקליכע איבערלעבענישען האָ- [illegible] פערזעטעריג, מיר לעבען נישט אויף אונזער מוטער-ערד, אונזער גאנץ לעבען איז אבהענגיג פון צופעליגקייטען, [illegible] צוקונפט אין — ארץ-ישראל.

י. פ.

בעשלאסען ארויסצוגעבען א פערארדנונג, אז 3 טעג פארן אדורכפיהרען א ליציטאציע מוז די געהעריגע מאכט צושיקען א מעלדונג, אין װעלכער ס'זאל אנגעװיזען װערען דער ענדגילטיגער טערמין און ארט פון דער ליציטאציע. אויסער דעם האט דאס פינאנץ-מיניסטעריום ערקלערט, דאס די פראגע װעגען איינפיהרען 10% אומזאץ-שטייער פאר הורט-האנדעל װערט בעטראכט אין פינאנץ מיניסטעריום, און אין דער נאהנטער צייט װעט זי געלעזט װערען. דאס פינאנץ-מיניסטעריום ארבייט איצט אויך אויס א פראיעקט אין װעלכען ס'װערט גענוי אנגעװיזען װעגען דעם אז בעקער, פריזירער אדער אנדערע בעלי-מלאכות אויב זיי ארבייטען אליין אדער מיט איין געהילף, דארפען בעפרייט װערען פון אומזאץ-שטייער.

װאס הערט זיך אין דער יודישער װעלט?

— לארד פלומער האט לעצטענ'ס אבגעהאלטען אין ירושלים א קאנפערענץ מיט'ן בעקאנטען ארץ-ישראל ארבייטער-טוער בן-צבי װעגען ארויסגעבען א ארבייטס-געזעצבוך פאר ארץ-ישראל. לארד פלומער האט זיך גענוי בעקאנט מיט דער עקאנאמישער לאגע פון די ארבייטער אין ארץ-ישראל, װי אויך מיט דער ארבייטסלאזיגקייט װעלכע הערשט דארט, און צוגעזאגט די פראגע צו ערלעדיגען.

— דער דירעקטאר פון דער א"י פירמע „מנור" האט געקויפט ביי דער הידועיער מאנופאקטור 3 מיליאנען [illegible]

— אין תל-אביב איז געגרינדעט געװארען א נייע היפאטעקען-באנק װעמ'ס אויפגאבע איז צו געבען ביליגען קרעדיט פאר אינדוסטריע-צװעקען.

— דער קאנאדישער פראקטיקער-מיניסטער האט לעצטענ'ס בעזוכט די יודישע קאלאניעס און געגענד פון מאראנטע און האט אויסגעדריקט זיין בעװאונדערונג פאר די ערפאלגען פון די יודישע קאלאניסטען.

— פאר'ן הינצו-מיניסטער ה' נאטשאק האט זיך פארגעשטעלט א דעלעגאציע פון עלטערן און קינדער װאס לערנען זיך אין די פאלקס-שולען און האבען פערלאנגט אז מען זאל מיט זייערע קינדער לערנען יודישע לימודים. צװישען דער דעלעגאציע האט זיך [illegible] ניסטער פאר איהם געהאלטען רעדען אין דער יודישער שפראך, און זיך אויפמערקזאם צוגעהערט.

KUNEROL

כשר

100% ריין

קאקאס-פעטט

צום באקען

קאכען

און פראטגלען

צו בעקומען אומעטום.

פערשידענע ידיעות.

— די פוילישע געזעלשאפט צו עקספלואטירען דעם ספירט-מאנאפאל אין טערקיי האט איינגעצאהלט דער טערקישער רעגירונג די געהעריגע סומע פאר דער פערפאכטונג. אלס פרעזעס פון דער געזעלשאפט איז בעשטימט געװארען ה' ראמאצקי.

— פראפ. קעמערער גרייט צו א מעמאריאל צו דער פוילישער רעגירונג װעלכער װעט ענטהאלטען איינצעלנע אנװייזונגען און בעטראכטונגען װעגען דער פינאנציעלער לאגע אין פוילען. דער מעמאריאל װעט ענטהאלטען פון 600 ביז 800 זייטען.

— אויף דער לעצטער זיצונג פון מיניסטעריום-ראט איז אנגענומען געװארען א בעשלוס צו ענדערן דעם ארט. 54 פון קרימינאל-קאדעקס אין דעם זין, אז די געריכטען זאלען בעס ארויסגעבען שארפע שטראף-אורטיילען, האבען דאס רעכט ארעבצוזעצנען אינגאנצען אדער טיילװייז די צייט װאס דער פערמשפט'ער איז געזעסען ביז'ן פראצעס. ביז יעצט האט עס געגאלטען נאר ביי ליכטע שטראפען. חוץ דעם איז בעשלאסען געװארען צו געבען אחאנפען בעאמטע פון די אינסטיטוציעס װאו ס'איז אדורכגעפיהרט געװארען די רעארגאניזאציע.

— אויף דער לעצטער קאנפערענץ אין אינערן-מיניסטעריום האט אבגעגעבען א בעריכט דער דירעקטאר פון געזונדהייטס-אמט. פון בעריכט איז צו זעהען דאס א דאנק די פאספארטען-בעגרענצונג האט די מלוכה געהאט הכנסה פון איהרע קור-ערטער 1 מיליאן 400 טויזענד זלאטעס. ס'איז בעשלאסען געװארען אין די קור-ערטער: בוסק, טשעכאטשינעק און קריניצא דורכצופיהרען א רייהע רעמאנט-ארבייטען און זיי אויסצושטעלען אויף דער געהעריגער הויך.

— פון האלב-אפיציעלע קװעלען אינפארמירט מען אז דאס קריגס-מיניסטעריום זאל אויסארבייטען א צירקולאר װעגען בעפרייען א טייל פון יאהרגאנג 1904 װאס דינט אין מיליטער. די צאהל און קאטעגאריעס װעגען דערהייל אונבעקאנט. דאס איז אבהענגיג פון דער צאהל רעקרוטען פון 1905.

— לויט דעם ערהאלטענעם צירקולאר פון אינערן-מיניסטעריום האט די װאיעװאדסטװא דאס רעכט מבטל צו מאכען אדער פערקלענערן דעם אבצאהל פאר פעסער קיין אויסלאנד פאר אונפערמעגליכע אדער ארבייטסלאזע.

— אויף דער לעצטער אלגעמיינער פערזאמלונג פון „באנק פאלסקי" איז בעשלאסען געװארען צו העכערן דעם גרונד-קאפיטאל אויף 150 מיליאן זלאטעס. די פארשלאגען פון ראט זענען דורך דער פערזאמלונג אנגענומען געװארען.

— נאך א גאנצע רייהע אינטערװענצען מצד די װירטשאפטליכע קרייזען האט דאס פינאנץ-מיניסטעריום [illegible]

איבער אלעם.

די װאכען רוקען זיך אװעק, זיי געהען זיך זייער נארמאלען גאנג, און מיט װעניג װאס אונטערשיידעט זיך איין יאהר פון צװייטען. דער עולם (די װעלט) װערט עלטער אבער נישט קלוגער, אפשר נאך נארישער קליינליכער, און לעבערליכער, זי װערט אויך נישט בעסער, רחמנות'דיגער און בארעמהערציגער, נאר אפשר נאך ערגער, קאלטער, אכזריות'דיגער און הארטער.

יעדער בעזונדער, פון יחיד, ביז'ן ציבור, אפילו גאנצע מדינות קלערען נאר פאר זיך, פאר זייער איגענעם נוצען, יעדער װיל אויפגעבויט װערען פונ'ם צמיטענעם חורבה, און דאס איז פאליטיק, הויך-פאליטיק און דיפלאמאטיע, מיט דעם געהעלפיגט מען, און מען הערשט איבער פעלקער און לענדער, און מיט דעם פיהרט מען פארטייען, געזעלשאפטען און פעראיינען.

מיט ליכט מוזט איהר זוכען א עהרליכען, אמת'ן און איבערגעגעבענעם מענשען, אויף דעם עולם השקר, אויף דער װעלט פון שװינדעל און בעטרוג, װער עס קען בעסער גנב'ענען און שװינדלען דער האט די ממשלה אין דער האנד, צו איהם מוזען זיך אלע בוקען און פאר איהם קניען.

אבער צו װאס זיך פילאזאפירען, צו װאס פערגעסען זיך מיט דער ברייטער װעלט, װען מיר האבען אונזער איגענע װעלטעל, אונזער עולם'ל פאר זיך, װאו מען פיהרט זיך אויך אזוי װי ביי לייטען און מען איז נאך פייבסטליכער װי דער פויבסט.

עס איז ליידער ביי אונז אויך נישט בעסער, נישט אין אלגעמיינעם און נישט אינ'ם ארטיגען יודישען לעבען.

געהען מיר נאך א צװייטויזענד יעהריגען פינסטערען און ביטערען גלות אויפבויען אונזער לאנד, שאפען אהיים פאר זיך אדער פאר אונזערע קינדער, און מיר האבען דאס רעכט צו גלייבען אז די מענשען װאס מיר שטעלען אװעק אלס אנפיהרער מיט דער הייליגער ארבייט װעלען אלע זיין טרייע איבערגעגעבענע בויער, און װעלען דאס מהוגן בשלימות, אהן שום איגענע פניות, חלילה זיך אבער ארויס אז מיר האבען צום בעדױערען א טעות געהאט, אז נישט אלע זענען אזוי װי מיר האבען געמיינט, אז מיר זענען נכשל געװארען און א גאנצע רייהע אנשים שאינם מהוגנים און מענשען װאס האבען זיך מיט זייער ארבייט נישט בעמיהט לטובת דער גרויסער זאך, נאר זיי האבען מעהר און זיינען געהאט זיך אליין און זייער איגענעם נוצען, און זיי האבען דערמיט געטהון די גרעסטע רעה דעם ישוב און די אויפבוי-ארבייט.

און אפילו אונזערע אמת'ע בויער, די ארבייטער דארט אין א"י, װאס בויען באמת מיט זייער שװייס און בלוט, אפילו זיי פערגעסען אויף אביסעל װי זיי האלטען אין דער װעלט און װעלכע לאגע דער ישוב געפינט זיך, אז אלץ שטעהט נאך דערװייל אויף הילצערנע פיסלעך, און זיי װילען זיך פערגלייכען צו די ארבייטער אין ענגלאנד אדער אמעריקא, װילענדיג ארבייטען אויף אזעלכע בעדינגונגען װאס נאר א געזונד-פינאנציעלע מלוכה קען נאכקומען.

מען בעשולדיגט די קאלאניסטען אז אין זייער האנד ליגט צו פערזארגען דאס לאנד, אז זיי קענען לינדערן די ארבייטסלאזיגקייט װען זיי װעלען זיך בענוצען מיט בלויז יודישע ארבייטער (עבודה עברית) און ס'איז אויסגערעכענט אז דער קריזיס אין ארץ-ישראל װאלט גאנץ לייכט אװעק. קומען אבער די קאלאניסטען און טענה'ן, אז זייער מצב איז אזאלכער אז אויב זיי זאלען צונעמען יודישע ארבייטער אויף די בעדינגונגען װאס זיי פאדערען, װעלען זיי נישט קענען עקזיסטירען.

נו דערגעה א טאלק װער ס'איז גערעכט, און װער ס'דארף נאכגעבען. און אזוי איז דאס אויך אין אונזער שטאדטישען יודישען לעבען.

אונזער שטאדט איז ב"ה געבענטשט מיט גענוג אינסטיטוציעס. פאר יעדער צװייג פון יודישען לעבען, איז געשאפען געװארען דער מיינונגער אנשטאלט. פאר יעדער פראגע װאס הערטאג װערט געגרינדעט דער נויטיגער קאמיטעט װאס זאל זיך מיט דעם פערנעמען. און פארט װערט קיין זאך נישט ערלעדיגט װי ס'דארף צו זיין.

קודם-כל האבען מיר נישט גענוג אמת'ע עהרליכע מענשען װאס װאלען זיין אויסען צו ארבייטען לטובת הכלל מיט דער נויטיגער איבערגעבענהייט, א סך זוכען סתם כבודים, פיל מאל שטעלען זיך אװעק אין דער שפיץ פון א װעלכער ס'איז געזעלשאפטליכער ארבייט אזעלכע מענשען װאס זענען צו דעם בשום אופן נישט ראוי, און די פאסיגע און פעהיגע מענשען שטעהען פון דער זייט.

די גרעסטע יודישע געזעלשאפט בעציהט זיך אויך נישט צו אונזערע אינסטיטוציעס מיט דעם געהעריגען ערנסט און אכטונג, און ממילא קענען זיי אונז נישט ברענגען דעם נוצען װאס מיר ערװארטען פון זיי, און אזוי איז דאס א פער'כשוף'ט רעדל, און מען קען קיין מאל נישט דערגעהן, װער ס'איז שולדיג צי דער װאס ארבייט נישט גוט, אדער דער װאס ארבייט גארנישט.

האבען מיר אין אונזער שטאדט א הצלות-קאמיטעט, אזא מין פערלעשער װאס דארף לעשען דאס פייער פון קריזיס, פון נויט און פערצװייפלונג װאס האט אדורגענומען און גענומען ארום כמעט װאס מעהר פון אונזערע יודישע פאמיליעס, צום לעשען ברויך מען אבער װאסער, און דאס װאסער מוז מען ערשט ברענגען פון אמעריקא, פון אונזערע הערציגע ברידער, די היגע יודען מיט קליינע אויסנאהמען געבען נישט װי זיי דארפען, אבער זיי געבען גארנישט, און דאס איז גאנץ טרויריג, זעהר טרויריג.

אבער, האלט!

מען טאר היינט חס-ושלום נישט רעדען קיין שלעכטס אויף יודען, מען מוז זיך היינט בעמיהען מלמד זכות צו זיין, יודען זענען פערזארגט און פערפלאגט מיט דאגת-פרנסה, מיט איינענע קלאפאטען און קאפ-דרעהענישען. און פערגעסען אפילו אין זייערע נאהנטסטע, אין זייערע ברידער, אין זייער בלוט און פלייש, און זיי פערגעסען אפילו אז אין דער צייט װאס זיי זעצען זיך אװעק ראש-השנה צום געדעקטען טיש מיט װיין און הענינ, געפונען זיך אזעלכע װאס האבען אפילו קיין שטיקעל טריקען ברויט נישט, מיט װאס אנצוזעטיגען זייערע שמאכטענדע קינדער.

אבער מיר װענען זיכער אז אזוי װעט דאס נישט בלייבען, אז ס'װעט זיין תכלה שנה... ס'געהט אװעק דאס יאהר מיט איהרע פעהלערן און מיט אלעם שלעכטען... און עס װעט קומען א נייע יאהר װאס װעט אריינברענגען נייע פרישע לופט אזוי אינ'ם לעבען פון אונזער ציבור, פונ'ם כלל ישראל, װי פון די קלענערע יודישע קיבוצים, אז מיר װעלען פון זיך אבשאקלען די שלעכטע מדות װאס האבען זיך צו אונז צוגעקלעבט אין משך פון גלות, אז עס װעט בעגינען װערען דאס יודישע לעבען אין ארץ-ישראל און אין די גלות-לענדער, און מ'װעט זאגן:

תחל שנה וברכותיה.

ליפא.

כשר

צערעס

שפייז-פעטט

באקען

בראטען

[illegible]

SATURNIA, Sp. Akc.

WARSZAWA.

ברידער!

[illegible]

נחום אש. אבד"ק

װעגען אנ'אלגעמיינעם יודישען לעזע-זאל.

[illegible]

פון דעם יודישען װיסענשאפטליכען אינסטיטוט, װאס עס האט אנגעטראפען אויף א געהעריגער אפטיקע, אפילו מצד די קרייזען װעלכע האבען פאר די אויפגאבען פאר דעם דאזיגען אינסטיטוט יא א זין און פערשטענדניש.

דער מוסטער-פאלג פון גרינדען די דערמעהנטע אנשטאלונג, װעלכע האט געהאט די אויפגאבע צו פלעגען די יודישע שפראך-װיסענשאפט, איז געװען א גאנץ נאטירליכער, װארום אונזער שטאדט איז בכלל, אזוי ארים אין געזעלשאפטליך קולטורעלע אינסטיטוציעס, װעלכע װאלטען שוין ארויסרופען די נויטיגקייט פון אזא אין אנשטאלונג.

אין װען צו דער דאזיגער ארבייט האט זיך גענומען די „ליגע" האט עס זיך פנים איבערצייגט, אז מען האט זיך גענומען צו דער נישט ריכטיגער ארבייט.

אין אזוי האט זיך עס מאכי ארויסגעװיזען, אז אזא ארט קולטור ארבייט איז אין טשענסטאכאװ, א פריהצייטיגע ערשיינונג.

דאנקענען װאלט מען געדארפט װענדען די געזעלשאפטליכע אויפמערקזאמקייט אין אן אנדער פרט פון קולטורעלע ארבייט.

און עס װעלען מיר איצט פאר'לע- נעמיגע אויסגאבען דערויף. דארף עס טהוען, די יודישע קהלה, עס װאלט דארויף געהיים געגעבען געהערען פון פירעק פון דעם מאגיסטראט אויך, אזוי אז אזא געזעלשאפטליכע אונטערנעהמונג, װען מען זאל זיך דאצו ערנסט נעמען, װאלט זיך בעגלייכענט ביי דער געזעלשאפט מיט דער געהעריגער אנערקענונג.

און עס אונטערליגט נישט קיין שום ספק, אז ביי אזא לעזע-זאל אין גרעסערען זין, װאלטען זיך אויסגעבילדעט מעגליכקייטען פאר אנדערע קולטור-ארבייט, אין װעלכע מיר נויטיגען זיך דאך אזוי.

דאריבער דארפען די געהעריגע קרייזען צו די ליגע, צו א אנדערע געזעלשאפט זיך דאמיט פעראינטערעסירען און אנהייבען שריט צו רעאליזירען דעם הייזיגען פלאן.

מיר געבען זיך אב א דין וחשבון אז די פערװירקליכונג דאפון איז נישט אזוי גרינג.

אבער מיר האבען איצט בלויז בעקראפט דעם פלאן אנמערקען און דעם געדאנק הארפען.

זאל מען זיך דאמיט פעראינטערעסירען, מיר װילען האפען.

כאנאר.

Chorzy czytajcie!

[illegible]

E. Pasternak, Berlin S. O.

Michaelkirchplatz 13, Abteilung 721.

דאס לעבען אין טשענסטאכאוו.

דער מאגנאט אין קורהויז.

[illegible]

צוגאב שטייער פאר גייסטיגע ארבייטסקראפט.

[illegible]

קאמף מיט שקארלאטין.

[illegible] נען שקארלאטין אין די װארשאװער שפיטעלער.

[illegible] שולען, װעלכע װעלען אונטער דער אויפזיכט פון דער ראװינער געזעלשאפט.

[illegible] געשטעלט אז די װעלכע װעלען פערסמ'ט געװארען פון פלייש.

א דאנק די גרויסע ארבייט פון די רעקטאריום װערען זיי איינצינווייזען אויסגעהיילט. קיין טויט-פאלען װענען צום גליק נישט געװען. אין צוזאמענהאנג דערמיט װערען געפיהרט ענערגישע אויספארשונגען.

אין טשענסטאכאװ װעט זיין צװייפאך ליכטיגער.

די קרייז עלעקטראװניע פון דער בעלגישער געזעלשאפט, װעלכע האט שוין אין טשענסטאכאװ פערענדיגט די פארבערייטונג'ס ארבייט, בײם בויען די נייע עלעקטראװניע, האט איצט אנגעהויבען דורכצופיהרען די פארבערייטונג'ס ארבייט צו עלעקטריפיצירען ראדאמסק, װעלכע װעט אויך בעקומען ליכט פון דער היגער עלעקטראװניע.

צו דעם צװעק איז ביז ראדאמסק צונעפיהרט געװארען די נויטיגע ליניע.

און עס װעגען אויך דארט שוין אויסגעשטעלט געװארען א גאנצע רייהע טראנספארמאטארען אין פערשידענע פונקטען פון דער שטאדט.

לויט דעם נייעם פלאן פון דער עלעקטראװניע און ליכט פונאנדערטיילונג פון אנשטעלען די לעמפ, װעט טשענסטאכאװ אויך װערען צװיי מאהל אזוי גוט בעלויכטען װי ביז איצט. די גאסען װעלען בעלויכטען װערען מיט 3 טויזענד לעמפ, פון װעלכע 200 װעלען לייכטען א גאנצע נאכט.

דער מאגיסטראט פלאנט צו בויען א גרויס װאוינונגס-הויז פאר ארבייטער.

װי מיר הערען געהאװיר האט זיך דער היגער מאגיסטראט פעראינטערעסירט מיט דעם גרויסען דירות-מאנגל, װאס הערשט ביי אונז אין שטאדט און אויסגעארבייט א פלאן אויפצובויען א גרויס װאוינונג'ס הויז פאר ארבייטער.

לויט דעם שוין אויסגעארבייטען פלאן פון דעם שטאדטישען בוי-אינזשיניער, זאל די װאוינונגען אויפגעבויט װערען, אויף דער אלשטינסקא גאס ביי דער נייער עלעקטראװניע.

דאס הויז זאל ענטהאלטען 76 װאוינונגען צו 1 שטוב מיט א קיך און 12 װאוינונגען צו איינצינגע שטובען.

אויף דער לעצטער זיצונג פון מאגיסטראט, איז דער דאזיגער פלאן ברייט בעהאנדעלט געװארען און עס איז פעסטגעשטעלט געװארען, אז אזא געבייידע דארף קאסטען 600.000 זל.

נאכ'ן ענדגילטיגען בעשטעטיגען דעם פראיעקט דורכ'ן מאגיסטראט, װעט די פראגע בעטראכט װערען אויף איינע פון די קומענדיגע זיצונגען פון שטאדט-ראט, און דאן װעלען אונטערגענומען װערען שריט צו פערװירקליכען דעם דאזיגען װיכטיגען פלאן.

Jaś i Hałka.

3. Woda im nieszkodzi...



„A teraz przez morze...
Hu — jak pryska woda!"
„Ach, Jasinku, wróćmy —
Toć bucików szkoda",
„Alež Halko, bucik
Erdalem*) czyszczony,
Jest nieprzemakalny,
Błyszczy niezniszczony".

*) „ERDAL" z czerwoną żabą — to prawdziwe dobrodziejstwo dla skóry.



SUDORYN

(w pudełku i w tubie)

USUWA POT I NIEMIŁĄ WOŃ RĄK, NÓG i PACH

Fabryki przetworów chemiczno-farmaceutycznych Ap. Kowalski

Warszawa, Miodowa 5

PROSZEK od BÓLU GŁOWY

KOWALSKINA

AP. KOWALSKI

A.K.

Najsilniejsze bóle głowy usuwa.

D-r MED.

JULJAN LIPINSKI

POWRÓCIŁ

przyjmuje w chorobach wewnętrznych i dziecięcych

od g. 12 w poł. do 3 p. p. ul. N. P. MARJI 1.

נייע הערינג!

איך מאך בעקאנט מיין געעהרטע קונדשאפט, אז איך האב בעקומען א טראנספארט זעהר גוטע, פיינע און פרישע הערינג פערשידענע זארטען, איך האב אויך א גרויסען אויסװאהל פון פיינע אוליקעס, מאטיאס, הערינג צו האנדלענע פרייזען.

קומט און איבערצייגט אייך!

Eljasz ALTER

1 אלעע 10

אין הויף.

CZYTELNIA Emilji Lewinowej

II ALEJA 40

wypożycza bez kaucji ostatnie nowości.

די בעװאוסטע טאנץ-שולע

פון מ. לובענסקי

עקזיסטירט פון 1904

עס װערען אנגענומען איינשרייבונגען אויף טאנץ לעקציעס ביי מיר אין װאוינונג. אלעע נר. 5.

דיפלאמירטער טאנץ-לעהרער מ. לובענסקי.

30 דורות יודען אין פוילען.

(ענדע פון 4 טע זייט).

כאטש יודען פלעגען געװעהנליך פערהאנדלען יעדע מין סעפאראטיסטישע קליידונג, פון זייער לאנגען גלות, װען זיי האבען זוכנער יענע איינגעװארצלטע קליידונג געצװאונגענערהייט אנגענומען, און די דייטשע קאמעלוישען מיט'ן שפיץ װי א שקאמוץ, זענען ביי זיי אויך פערהאלטונג געװען, האבען זיי זיך סונדערשטענקען צוליב אונערקלערליכע סבות געװעהרט מיט אלע זייערע כחות נעגען דעם װילען פון די גלחים, װאס האבען זיי געװאלט צוריק אנצוטהון יענע דייטשע שקארמוצען אויף זייער קאפ.

אין דער פוילישער מלוכה איז אין יענע יאהרען פארגעקומען א װירטשאפטליכע און פאליטישע אומגעשטאלטונג פונ'ם לאנד. װער עס האט נור געהאט כח צו װעלען הערגרייבען א שטאט-שטעלונג, האט דאס געקענט גרינג דורכפיהרען. די גלחים האבען דאן געשטרעבט צו קומען צו דער ממשלה אויפ'ן חשבון פון די יודען, האט זיך זיי דאס נישט אזוי בטלר איינגעגעבען. װייל די פריצים װענען געשטאנען אויף דער זייט פון די יודען און האבען אויך איינגעזעהן אז עס פעהלען בעלי-מלאכות און סוחרים אינ'ם לאנד. האבען זיי שטארק בענויטיגט די איינװאנדערונג פון דייטשען, װעלכע האבען אריינגעבראכט אין דעם לאנד דייטשע קולטור.

עס האט אויך לאנג גענומען נעװיערט, האבען זיך די איינגעװאנדערטע דייטשען פעראייניגט מיט די גלחים נעגען די יודען—און די פריצים האבען זיי טראץ זייער בעסטען װילען נישט געקענט מעהר בעשיצען. דער חערם פון א װורמ'ס לעבען איז דאן געװען אבגעשטעלט לויט דער חרם-שעמליכער ליטונגס-פעהיגקייט זיינער. דער חרם איז בעטראכט געװארען אלס דאס איינציגסטע פון דער רעגירונג, װאס דאס געזעץ געשיצט זייער לעבען, גלייך װי עס איז געװען געשיצט יעדער אנדערער געגענשטאנד, װאס בעלאנגט צו דער רעגירונג.

און װייל די גלחים האבען געזעהען, אז אלע גזירות אויף יודען בלייבען טהן א מזרקוש, האבען זיי זיך גענומען צו יענע אלטען בלבול, װעלכער האט אינ'ם פערלויף פונ'ם יודישען גלות אבגעקאסט טייכען בלוט, דאס איז דער „עלילת-דם". אזוי װי עס האט זיך זיי נישט איינגעגעבען צו געװינען די הסכמה פון די קעניגען און פון די רעגירענדע פירשטען, אויף צו בעשרענקען די רעכט פון די יודען אין פוילען, לויט די בעשלוסען פון זייערע „סינאדען", פלעגען זיי דורך דער פערשפרייטונג פון דער בלוט-בעשולדיגונג אויפרייצען דעם המון געגען יודען— און װען דער קעניג פרעגט א רעגירער דער פירשט האט געקענט זאגען א מאכטװארט װעגען דער בעשולדיגונג האט דערציילט א צעהנדליג יודען געמוזט בעצאהלען פאר'ן בלבול מיט'ן לעבען.

װעגען מאקי דורכגעפיהרט געװארען פיעל בלוט-בעשולדיגונגען אין פוילען און עס װענען אויך די בעשולדיגטע פעראורטיילט געװארען. כאטש עס זענען נישט געװען דערביי קיין עדות, װי דאס געזעץ האט פערגעשריבען.

אין יענע צייטען איז פוילען נאך אלץ געװען א טומעל-פלאץ פאר קריגעריש ענפאלען פון נאהנטע און װייטע שונאים. געברענט װי דאס לאנד איז פריי געװארען פון די טאטאלען און טאטערען, װענען די שכנים פון פוילען, די פרייסען און די מאסקאװיטער ענגקפאלען זעהר אפט אויפ'ן לאנד, פערברענענדיג אלע שטעדט און דערפער, װאס װענען געטראפען אויף זייער װעג, און פערשלעפענדיג די מענשען אין געפאנגענשאפט. דערביי איז דאס לאנד נישט געװען איינהייטליך רעגירט, װייל כאטש ס'האט געהערשט א קעניג, האט ער נישט געהאט קיין שום מאכט און יעדער פירשט האט געמעגט טהון אין זיין חלק לאנד װאס ער האט געװאלט.

האט דאן װלאדיסלאװ לאקיעטעק פעראייניגט דאס גאנצע לאנד אונטער זיין ממשלה—און נאכדעם װי ער האט זיגרייך בעקעמפט אלע סעפעראטיסטישע קאפריזען פון פערשידענע פוילישע פירשטען, איז ערשט דעמאלס פוילען בעפעסטיגט געװארען אלס א זעלבסטשטענדיגע מלוכה.

קעניג װלאדיסלאװ לאקיעטעק האט רעגירט פון 1306 ביז 1333—און בנוגע צו יודען איז נישט פארגעקומען קיין ענדערונג װעהרענד דער צייט פון זיין הערשאפט. בעלעסלאװ'ס „יודישער סטאטוט" איז װייטער געװען די גרונדלאגע פון די יודען'ס רעכט, און װען מען איז זיך געקומען קלאגען צום קעניג, אז די יודען נעמען גרויסע „װאוכער-צינזען", האט װלאדיסלאװ לאקיעטעק ארויסגעגעבען א געזעץ, אז די צינזען ביי א הלואה טארען נישט זיין מעהר װי 14 פראצענט.

Dra. Oetkera

טשעטשאלאדע-לעגומין

Dr. A. Oetker, Oliwa.

Zastępca: H. Norymberski, Częstochowa, Strażacka 10.

פון רעטונגס-קאמיטעט.

דער רעטונגס-קאמיטעט האט דו וואך אפגעהאלטען א זיצונג אויף וועלכער עס זענען בעטראכט געווארען די נאכגישט ערלעדיגטע ביטעס וואס זע-נען אריינגעקומענען וועגען הלואות. צוליב מאנגעל אין געלד האט נאר געקענט ערלעדיגט ווערען א צאהל פון 50 ביטעס. פאר וועלכע ס'זענען בעשטימט געווארען פערשידענע סומעס וואס בעטרעפען צוזאמען צירקא 6000 זלאטעס.

דער קאמיטעט האט אפילו נישט אזא סומע אין דער קאסע. נאר ער האפט, אז אינצחישען וועלען דערהיילן אפגעליפען די צאהלבארע וועקסלען פון די פיריגע בארגער, און די סומע וועט געדעקט ווערען.

יערנפאלס זענען נאך געבליבען ביז 700 ביטעס, וואס קענען נישט בעטראכט ווערען ווייל ס'איז נישטא קיין געלד, די פערזאנען שטורמען די גמינע און ס'איז ווארצייפענר צו זעהען מיט וועלכער פערצווייפלונג זיי בעטען זיך וועגען ערפולען זייערע ביטעס, אבער דאס איז געאנדערען אין דער הינער יודישער בעפעלקערונג, וועלכע האט צום בעדויערען ביז יעצט נישט ערפולט איהרע פליכטען לגבי די גע-דריקטע און געקוועהלטע. און דאריבער איז דער קאמיטעט מאכטלאז און קען זיי נישט ציהילף קומען.

אבגעלעגט יודישע פראצעסען צוליב די ימים-נוראים.

צוליב דעם, וואס אויף ראש-השנה און יום כפור זענען בעשטימט געווא-רען אין די הינע געריכטען פראצעסען פון יודישע צרדים, האט זיך דער רב ר' נחום אש געוואנדען צו אלע סאנ-דעס מיט דער ביטע די דערמאנטע יודישע פראצעסען אבצולעגען אויף אנדערע טערמינען.

אז מיר דערוויסען זיך איז דעם רב'ס ביטע בעריקזיכטיגט געווארען, דאך פארטעל דארף יעדער, וועמעס פראצעס ס'איז בעשטימט געווארען אויף די ימים-נוראים פריינטראגען וועגען דעם א געהעריגע ביטע אין געריכט.

מיר מאכען דאריבער אויפמערקזאם, אז די וועמעס פראצעסען ס'זענען בע-שטימט געווארען אויף ראש-השנה מוזען אין פערלויף פון היינטיגען טאג אזעלכע ביטעס ער-לעדיגען.

גלייכצייטיג האט דער רב אויך מיט-געטיילט די געריכטען, אז אין פער-לויף פון די עשרת-ימי-תשובה ד. ה. ביז נאך יום-כפור דארף לויט'ן יודישען דין ביי יודען קיין שבועה נישט פאר-קומען.

פון „בית לחם“.

מיר האבען שוין מיטגעטיילט, אז דער „בית לחם“ פיהרט אדורך אויף די ימים-נוראים און אויף סוכות זייער שטענדיגע יום-טוב פערטיילונגען פון פראדוקטען פאר די בכבוד'ע יודישע פאמיליעס.

די פערטיילונג אויף ראש-השנה איז שוין פארגעקומען, עס זענען פערטיילט געווארען העכער פיער הונדערט פאר-ציעס פאר אזא צאהל פאמיליעס, די פארציעס זענען בעשטאנען פון 3 ק"ג מעהל, 2 ק"ג גרויפען, 1 ק"ג צוקער, ½ ק"ג זייף און 8 ליכט.

די קאסע פון „בית לחם“ האט נישט פערפוגט מיט די נויטיגע סומע וואס האט געקאסט. און די פערוואלטונג האט אויסגעבארגט דאס געלד צו דעם צוועק, אונטערשרייבענדיג וועקסלען אויף דער קאנטא, אז די הינע יודישע בעפעלקע-רונג וועט זיי ביז צום טערמין בעצאה-לען.

אזוי ווי די ר"ה-קאסען פון „בית לחם“ האבען נישט געברענגט דעם געהאפטען ערפאלג, וועלען די פער-וואלטונגס מיטגלידער אליין געהן בע-זוכען די הינע יודען, אז זיי זאלען מנדר זיין צו דעם צוועק.

עס איז איבריג ווידער אמאל צו ווידערהאלען און צו ערקלערען ווי גרויס עס איז דער חוב וואס ליגט אויף דער הינער יודישער בעפעלקע-רונג צו הילף צו קומען דעם „בית לחם“ און זיין חיכטיגע אויפגאבע, און איהם געבען די מעגליכקייט אדורכ-צופיהרען די יום-טוב אקציע אויף די גאנצע ימים-טובים מיט דעם געהערי-גען ערפאלג.

וועגען שחט'ן עופות אין ראש-השנה.

אזוי ווי ראש-השנה קומט הייאהר אוים דאנערשטאג און פרייטאג, אזוי אז צוזאמען מיט שבת וועט די יודי-שע בעפעלקערונג מוזען זיך אנגרייטען פלייש אויף גאנצע דריי טעג, און ביי די היינטיגע חאריטע טעג איז דאס א זעהר שווערע זאך, איז בעשלאסען גע-ווארען אז די שוחטים זאלען שחט'ן עופות אין יום-טוב.

עס וועלען נע'שחט'ן ווערען אין דעם שחט-הויף דאנערשטאג דעם ערשטען טאג ר"ה אויף דער נאכט ביז 9 א זייגער, און פרייטאג דעם צווייטען טאג — אין דער פריה פון 6 ביז 8 א זייגער.

דערביי מוז אבער בעמערקט ווערען, אז נע'שחט'ן ווערען וועט נאר געגען פריהער אויסגעקויפטע קאוויטלעך, און די וואס וועלען זיך נישט פערזעהען פאר יו"ט מיט קוויטלעך וועלען זייערע עופות נישט נע'שחט'ן ווערען.

באקאנטמאכונג.

עס ווערט באקאנט געמאכט אז נאך אדורכפיהרען **א גרונדליכען רעמאנט אין אלע אבטיילונגען פון דער נייער מקוה,** נישט קוקענדיג אויף די אונגעהויערע קאסטען און שווערע מיה וואס עס איז דאביי אנגעווענדעט געווארען, איז געלונגען **די מקוה אהערצושטעלען אין בעסטען ארדנונג,** אזוי אז זי קען צופרידענשטעלען די גאנצע יודישע בעפעלקערונג הן בנוגע כשרות שטעהענדיג אונטער'ן שטרענגען אויפזיכט פון ראבינאט, ווי אויך אין היגיענישען זין.

אזוי וועט אויך די **שוויץ פונקציאנירען** אויף די קומענדע ימים-טובים.

די הינע יודישע בעפעלקערונג דארף אומבעדינגט צו אונטערשטיצען די דאזיגע אינסטיטוציע וואס איז זייער אייגענטום און איז אויך דער יסוד פון יהדות, און דערמיט געבען די מעגליכקייט אז זי זאל קענען ווי געהעריג פונקציאנירען.

די פערוואלטונג פון דער **נייער מקוה.**

8-kl. humanistyczne męskie i żeńskie gimnazjum

Towarzystwa Żydowskich Szkół Średnich w Częstochowie.

איינשרייבונגען אין אלע קלאסען ווי אויך אין די צוגרייטונגס-קלאסען A, B און C און צו די איינטריטס-עקזאמענס נעמט אן די קאנצעלאריע פון גימנאזיום, אנהויבענדיג פון 12 ד. ח. טעגליך, חוץ שבת, פון 1 ביז 10 פארמיטאג.

— די פירמע —

M. Mozes Lipkes, Białystok

ארבעט אויס אלע זארטען **וואטאווע דעקען**

וועלכע זי פערקויפט זעהר ביליג

„SUPERIOR“ (סאטין אויף סאטין) **22** זלאטעס.

„LUDOWA“ (שיינע אויסארבייטונג) **14** זלאטעס.

דאס טעכנישע ביורא „עלעקטראן“, אלעע 37.

אינהאבער אסיאס וויען און אינזש. י. גאלדשטיין

בעזיצט אויף לאגער ערשטקלאסיגע עלעקטרישע געברויכס-ארטיקלען. שטעלט צו און אינסטאלירט שוואך-שטראם-ארטיקלען, טעכב בעקאנט אז זי נעמט אן:

עלעקטראפיצירונג פון פאבריקען - אונטערנעהמונגען

ליכט - אינסטאלאציעס אין וואוינונגען.

ווי: ראדיא-אפאראטען, טעלעפאן א. א. וו.

טעכנ. עצות און אנוויייזונגען אומזאנסט און בינדען נישט דעם קונה.

ווילט איהר האבען א רוהיגען קאפ? זאלט איהר איהם שוינען און פלעגען!

און דאס קאנט איהר טהון ווען איהר וועט זיך ווענדען צו דער בטוח. פירמא:

געבר. קעלציגלאווסקי און בערקאוויטש

פילסודסקי 9

וואו איהר בעקומט אלערארט מאטעריע און טוכענע יודישע היטלעך און קאפלען, אויך אלע אנדערע היטלעך.

קאפעלושען די בעסטע און מאדערנסטע, ווי אויך אלערליי **פוטערוואהרג:** ביברעטען, פאקען, גוטעריעטען, קאראקולען, פערשידענע בלאטס, בארנקעס א. ד. גל.

אלעס צו די ביליגסטע פרייזען. פערקויף הורט און דעטאל.

Wobec rozporządzenia Władz WYKŁADY

w Szkole Rzemiosł dla Żydów

rozpoczną się d. 15 września 1926.

Egzaminy wstępne d. 13 i 14 b m.

פון באנק-ספולדזיעלצי.

פון באנק-ספולדזיעלצי קאמוניקירט מען אונז, אז מאנטאג דעם 6-טען ד. ח. איז פארגעקומען די קאנסטיטואי-רענדע זיצונג פון ראט פון דער באנק וועלכער האט זיך קאנסטיטואירט לויט פאלגענדען: פרעזעס ה' ב. העלמאן, וויצע פרעזעס ה' פס. הערץ.

גלייכצייטיג זענען פארגעקומען די וואהלען פון דער פערוואלטונג און עס זענען אויסגעוועהלט געווארען אין דער פערוואלטונג די ה"ה י. איטיך, י. ב. טייטלים און ד. שווארץ.

אלס פערטרעטער די ה"ה ד. פי-ליפאוויטש ג. נייטאן און ג. קאהן.

עס איז אויך בעשלאסען געווארען, אז דע"ה ה' ד. פיליפאוויטש ווערט צי-קאפטירט צו דער פערוואלטונג מיט רעכט פון אינטערשרייבען.

עס ווערט נאכאמאל דערמאנט, אז די באנק וועט נישט זיין טעטיג ביידע טעג ראש-השנה און שבת, צוליב וואס די וועקסלען וואס זענען פעליג אין די טעג דארפען אויסגעקויפט ווערען היינט ערב יום-טוב.

די וועקסלען וואס וועלען נישט אויסגעקויפט ווערען אין דער באנק, ווערען איבערגעגעבען צו רעיענט ברוש-נאחסקי אלעע 22, וואו זיי וועלען קענען אין צאהלונגס-טאג ביז מיטאג אויסגעקויפט ווערען אהן יעדע צוצאה-לונג.

צוליב די ימים-נוראים.

אזוי ווי שטענדיג ווערען אויך אין די יעצטיגע ימים-טובים די יודישע זעלנער בעפרייט פון זייער דינסט-פליכט.

אויך פאר די יודישע ציווילע ארעס-טאנטען אין דער הינער טורמע ווערט אויף די ימים-נוראים אבגעגעבען א בעזונדערע שטוב צום דאווענען, און די יודישע קהלה וועט אין פערלויף פון דער דאזיגער צייט די אונפערמעג-ליכע ארעסטאנטען בעזארגען מיט בשר-עסען.

א יודישער זעלנער בעגאנגען זעלבסטמארד.

זונטאג 11 אין דערפריה איז אין די קאזארמען פון 4 פ. א. צ. וואס געפי-נען זיך אין זאטשיש, בעגאנגען א זעלבסטמארד דורך אויסשיסען אין זיך פון א ביקס, דער יודישער זעלנער יוסף מעפער פון לאדז.

אויפ'ן אבקלאנג פון שאס זענען אין צימער, וואו מעפער האט זיך געפונען אריינגעלאפען זעלנער, וועלכע האבען דערזעהען פאר זיך א שרעקליך בילד. אויף דער פארלאגע איז געלעגען דעם טויטער קערפער פון זעלבסטמערדער מיט אדורכגעשאסענעם קאפ, פון וועל-כען ס'האט זיך געגאסען בלוט און די געהירען זענען ארויס. דערנעבען איז געלעגען די ביקס מיט וועלכער דער זעלנער האט זיך געשאסען דורך א ציה-געבען מיט'ן פוס דאס צינגעל צו וועלכען ס'איז אויך צוגעבינדען געווען א שטריקעל און אזוי-ארום איז די

קייל ארויין אין האלדז און ארוים דורכ'ן קאפ.

די סבית פון זעלבסטמארד זענען נישט קלאר, ס'זענען פעריהען וועגען דעם פערשידענע השערות און די אויס-פארשונג ארום דעם פיהרט די זשאנ-דארמעריע.

צו דער לויה, וועלכע איז פארגע-קומען מאנטאג 3 א זייגער נאכמיטאג איז געקומען פון לאדז א ברודער און פאטער פון דערשאסענעם, אויסערדעם האט זיך אין איהר אויך בעטייליגט א עהרען-וואך און א דעלעגאציע פון זעלנער אין דער שפיץ פון א אפיציר, וועלכע האבען געבראכט קרענץ. די נבאים פון דער חברא-קדישא און דער שטאדט חזן ה' בטרעש, וועלכער האט אבגעריכט די געהעריגע קאפיטלעך תהלים.

טשענסטאכאוו ווערט צוגע-טיילט צו דער שלעזישער וואיעוואודסטווא.

ווי מיר ווערען געמעלדעט וועט אויף דער קומענדיגער זיצונג פון מיניסטע-רען-ראט בעטראכט ווערען די פראגע וועגען צוטיילען טשענסטאכאוו צו דער שלעזישער וואיעוואודסטווא.

די דאזיגע פראגע ווערט אין דער ערשטער רייהע אונטערשטיצט דורכ'ן אינערען-מיניסטער, אזוי אז עס איז גאנץ וואהרשיינליך דאס דער פראיעקט זאל אנגענומען ווערען.

דער הייגטיגער מאנארכיסטי-שער קאנגרעס אין טשענסט.

היינט קומט פאר אין טשענסטאכאו דער מאנארכיסטישער קאנגרעס פון די מאנארכיסטישע פארטייען אין גאנצען לאנד.

צו דעם דאזיגען קאנגרעס, זאלען קומען פארשטעהער פון איבער 350 פארטייען, און א גרויסע צאהל געסט, וועלכע ווערט צוזאמען אבגעשאצט אויף 600 פערזאן.

פארזיצענדער פון קאנגרעס זאל זיין דער פירשט דרוצקי-לובעצקי.

דער קאנגרעס קומט פאר אין זאל פון די פילהארמאניע.

א בריעף אין רעדאקציע.

געעהרטער ה' רעדאקטאר!

מיר בעטען אין אייער ח' צייטונג צו פערעפענטליכען פאלגענדען פראטעסט:

מיר ערקלערען קאטעגאריש אז אונ-זער וויצע-פרעזעס ה' ניעמיראחסקי איז דורך אונז געבעטען זיין וויילען ארויסגע-שטעלט געווארען אלס מיטגליד אין דער פערוואלטונג פון באנק ספולדזיעל-טשי און דער ארויסטריט געגען איהם פון ה' פס. הערץ אויף די שפאלטען פון דער „טשענסטאכאווער צייטונג“ בעטראכטען מיר אלס בעלידיגונג פון דער פערוואלטונג פון דער באנק געגען ה' ניעמיראחסקי און געגען דעם האנדווערקער-קלוב וועמען ער רעפרע-זענטירט.

מיר פראטעסטירען ריזיגער ווי אפשארפסטען געגען דעם דערמאנטען אנפאל און דריקען גלייכצייטיג אוים אונזער סאלידאריטעט מיט ה' ניעמי-ראחסקי'ס ארויסטריט.

די פערוואלטונג פון יוד. האנד-ווערקער-קלוב אין טשענסטאכאו.

מיר דאנקען אייך פאראויס מיט אכטונג

וויצע-פרעזעס: א. דוויראצקי.

סעקרעטאר: ל. אש.

נדבות אין רעדאקציע.

פאר „בית לחם“. מ. אמזונער 5 זל, א. משאר-ני 3 זל, מ. ש. הירש 2 זל, א. האראחאוויג 2 זל.

פארן שפיטאל מ. שעפטעל 5 זל.

שעהנע נדבות אויף יום-טוב.

דער איינגענטימער פון קינא „אדעאן“ ה' קשעמינסקי האט איבערגעגעבען צו אונז אין רעדאקציע די סומע פון 500 זלאטעס, פון וועלכע 250 האט ער בעשטימט פאר'ן „בית לחם“, און די אנדערע 250 זל. זאלען פערטיילט ווערען לויט'ן איינזעהען פון דער יו-דישער גמינע.

דער איינגענטימער פון קינא „נא-וואשטשי“ ה' נאנוס האט אריינגעטרא-גען אין רעדאקציע 200 זל. פון וועל-כע 100 זל. האט ער בעשטימט פאר'ן „בית לחם“ און 100 זל. צו דער דים-פאזיציע פון דער יודישער גמינע.

די סומעס זענען אבגעגעבען ביי אונז אין רעדאקציע געגען די נעהע-רינע קוויטונגען וואס מיר דארפען פערעפנטלעכען די מנדבים.

אויף דער סצענע נייע-אנגאזשירטע

י. סלאווסקי זינגער.

שערלי-שערלאט אויסגעצייכענטער טענצער-רוסט פון ווינער „סולען-רוזש“.

וו. דערבישטש הומאריסט, אין זיין ארי-גינעלען רעפערטואר.

די נייעסטע קרעאציע פון דער געבווירענער אין פוילען **פאלא נעגרי**

CZARODZIEJKA

דראמא פון שפאנישען לעבען אין 8 אקטען.

אינ'ם 3 אקט — מורח-באלעט מיט א אונגעוועהנליכער עגזאטישער אויסשטעלונג.

טעאטער **„אדעאן“** אלעע 27

לעצטער סעאנס 10 אווענד. פון דינסטאג ד. 7 סעפטעמ. ביז שבת דעם 11.

FOKTONUDY??!! אויף דער סצענע:

1. אה, שטער נישט.

ב. ערלינסקי, שצשאשינסקא, האלמירסקא.

2. ס. גאלעמביאווסקי מיט א נייעם רעפערטואר.

3. די ציגיינער-ליבע פאנטאזיע מיט געזאנג אין דער אויספיהרונג פון האלמירסקא, שצעפאנסקא און סיעמיראצקי.

פון מיטוואך דעם 8 ביז פרייטאג דעם 10 איינשל.

אויפ'ן עקראן אמעריקאנער פילם פול מיט געשעהענישען און ביז איצט נישט געוועהנע סצענעס א. ט.

PRZEMYTNIK CZARNEGO WĄWOZU

טעאטער **נאוואשטשי** אלעע 12.

מעכטיגע סצענעס. סאלאן-דראמא אין 8 אקט. וועלכע אי-לוסטרירט ריהר. איבערלעבונגען פון אפאשען-חברה.

„Gdy w kobiecie budzi się serce“

עקראן און סצענע צוזאמען! לכבוד יום-טוב!

אוי, דער טשענסטאכאווער זומער ... אויף דער סצענע:

קינא **„גאוור“** 2 אלעע 43.

פון מיטוואך ד. 8 און ווייטער.

Ceny ogłoszeń: Za wiersz milimetrowy przed tekstem **24** gr., za tekstem **18** gr., w tekście **60** gr.— Szerokość kolumny obejmuje **8** szpalt ogłoszeniowych.

Redaktor Izrael PŁOCKIER **Wydawca F. BOCIAN** **Druk. B. BOCIAN I-sza Aleja № 6.**